# דער בריוו צו די רוימער

א פּאָולוס, אַ קנעכט פֿון יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ, באַרופֿן צו זיין אַ שָלִיחַ,
2 אויסגעשיידט פֿאַר דער בשׂורה טובה פֿון גאָט. וואָס ער
האָט מַבטִיחַ געווען פֿון פֿריער דורך זיינע נבִיאים אין די
3 כּתבֵי־הַקוֹדֶש, פֿונוועגן זיין זון, וואָס איז געבוירן געוואָרן פֿון דעם
4 זאָמען פֿון דָוִדן, לויט דעם פֿלייש, און וואָס איז באַוויזן צו זיין
דער בֶּן־אֱלֹהִים מיט שטאַרקייט, לויט דעם גייסט פֿון קדושה,
דורך זיין אויפֿשטיין תּחִיַת־הַמֵתים; פֿון יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ, אונדזער
5 האַר, דורך וועמען מיר האָבן מקַבּל געווען חֶסֶד און שלִיחוּת,
אויפֿצושטעלן געהאָרכזאַמקייט פֿון אֱמונה צווישן אַלע אומות,
6 פֿון זיין נאָמענסוועגן, צווישן וועמען איך איר זענט באַרופֿן צו
7 זיין יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַס: צו אַלע, וואָס זענען אין רוים, געליבּטע
פֿון גאָט, באַרופֿן צו זיין הייליקע; חֶסֶד צו אייך און שָלום פֿון
8 גאָט, אונדזער פֿאָטער, און דעם האַר יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ. קודם
כּל דאַנק איך מיין גאָט דורך יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ פֿאַר אייך אַלע,
מַחמת מע רעדט פֿונוועגן אייער אֱמונה אין דער גאַנצער וועלט.
9 וואָרים גאָט איז מיין עֵדות, וועמען איך דין אין מיין גייסט דורך
דער בשׂורה טובה פֿון זיין זון, אַז איך דערמאָן אייך כּסֵדר,
10 און תָּמיד אין מיינע תּפִילות טו איך בעטן, אֶפשר וועט מיר
סוף־כָּל־סוף באַשערט זיין צו קומען צו אייך דורך דעם רָצון
11 פֿון גאָט. וואָרים איך באַגער אייך צו זען, כּדי איך זאָל אייך
קענען צוטיילן עפּעס אַ גייסטיקע מַתָּנה, כּדי אייך צו שטאַרקן,
12 דאָס הייסט, אַז איך זאָל מיט אייך אינאיינעם געטרייסט ווערן,
יעדער איינער פֿון אונדז דורך דעם אַנדערנס אֱמונה, אייערע
13 און מיינע. און איך וויל אַז איר זאָלט וויסן, ברידער, אַז אַ
סך מאָל האָב איך בדֵעה געהאַט צו קומען צו אייך (און בין
לעֵת־עַתּה געשטערט געוואָרן), בּכדֵי איך זאָל אויך צווישן אייך
האָבן וואָסערע פּרוכט, אַזוי ווי צווישן די איבעריקע אומות.

איך

14 איך בּין אַ בַּעל־חוֹב צו די גריכן און צו די איבּעריקע נָכרים,
15 צו די חֲכָמים און צו די נאַראָנים; אַזוי, אַז אויף וויפֿל סאאיז
געווענדט אין מיר, בּין איך גרייט צו פּראָקלאַמירן די בּשׂורה
16 טובה אויך צו אײַך, וואָס געפֿינט זיך אין רוים. וואָרים איך
שעם מיך ניט מיט דער בּשׂורה טובה; מַחמת זי איז די גבֿורה
פֿון גאָט פֿאַר אַ דערלייזונג פֿון יעדן איינעם, וואָס גלויבּט:
17 קודם־כּל פֿאַר דעם ייִד, און אויך פֿאַר דעם גוי. וואָרים אין
איר ווערט אַנטפּלעקט צדקות פֿון גאָט פֿון אֱמונה צו אֱמונה,
ווי סע שטייט געשריבּן: דער צַדיק וועט לעבּן דורך זיין
18 אֱמונה. וואָרים דער גרימצאָרן פֿון גאָט ווערט אַנטפּלעקט פֿון
הימל אַנטקעגן דער גאַנצער רִשעות און אומגערעכטיקייט פֿון
מענטשן, וואָס שטערן דעם אֶמת מיט זייער אומגערעכטיקייט.
19 מַחמת דאָס, וואָס מע קען וויסן וועגן גאָט, איז אַנטפּלעקט
20 אין זיי; וואָרים גאָט האָט עס אַנטפּלעקט צו זיי. וואָרים
די פֿאַרהוילענע זאַכן פֿון אים, ווערן קלאָר געזען, זינט דער
בּאַשאַפֿונג פֿון דער וועלט ווייל זיי ווערן בּאַנומען דורך די זאַכן,
וואָס זענען געמאַכט געוואָרן, דהַיינו, זיין אייבּיקע שטאַרקייט
21 און געטלעכקייט, כּדי זיי זאָלן זיין אָן אַ פֿאַרענטפֿערונג; מַחמת
דעם, הַגם זיי האָבן געקענט גאָט, האָבן זיי אים ניט געאַכפּערט
ווי גאָט אָדער אים געדאַנקט, נייערט זענען געוואָרן נאַריש
אין זייערע מַחשָבות, און זייער אומפֿאַרשטענדיק האַרץ איז
22 פֿאַרפֿינצטערט געוואָרן. בּעת זיי האָבן זיך אַרויסגעגעבן פֿאַר
23 חֲכָמים, זענען זיי געוואָרן נאַראָנים, און האָבן פֿאַרבּיטן דעם
כָּבוד פֿון דעם אומשטאַרבּלעכן גאָט אויף דער געשטאַלט
פֿון אַן אָפּבּילד פֿון אַ שטאַרבּלעכן מענטש, און פֿון פֿייגל,
24 און פֿירפֿיסיקע חַיות, און רעפּטיליעס. דעריבּער האָט זיי
גאָט איבּערגעענטפֿערט אין די תַּאוות פֿון זייערע הערצער צו
טומאה, צו פֿאַראומווערדיקן זייערע לײַבּער צווישן זיך אַליין,
25 מַחמת זיי האָבן פֿאַרבּיטן דעם אֶמת פֿון גאָט אויף אַ ליגן,
און האָבן געאַכפּערט און געדינט ליבּערשט דעם בּאַשאַף,
איידער

אײדער דעם באַשעפער, וואָס איז געלויבט אויף אײביק. אָמֵן.
26 דעריבער האָט זיי גאָט איבערגעענטפערט צו אומווערדיקע
תַאוות; וואָרים זייערע ווייבער האָבן פאַרביטן דעם נאַטירלעכן
27 באַדאַרף אויף דעם, וואָס איז קעגן דער טֶבע. און אַזוי אויך
האָבן די מענער פאַרלאָזט דעם נאַטירלעכן באַדאַרף פון דעם
ווייב, און האָבן געברענט אין זייערע תַאוות איינער צום אַנדערן;
זכָרים מיט זכָרים האָבן געטאָן אומווערדיקייט, און האָבן אין
28 זיך אַליין באַקומען דעם פולן שׂכַר פון זייער טָעות. און אַזוי
ווי זיי האָבן פאַראַכט גאָט אין זייער דערקענטעניש, האָט
זיי גאָט איבערגעענטפערט דעם פאַרדאָרבענעם פאַרשטאַנד,
29 צו טאָן דאָס, וואָס מע טאָר ניט. וואָרים זיי זענען פול
מיט יעדער אומגערעכטיקייט, רִשעות, גײַציקייט, בייזוויליקייט,
פול מיט קִנאה, רצִיחה, קריג, שֶקר, רַמָאות, פליאָטקעס,
30 רכִילות־טרײַבער, שׂונאים פון גאָט, הוצפֶהדיק, גַאווֶהדיק,
באַרימעריש, פאַרטראַכטער פון רִשעותדיקייטן, ווידערשפעניק
31 קעגן עלטערן, אָן פאַרשטענדעניש, בונד־ברעכער, ליבלאָזע,
32 אומרַחמנותדיקע; וואָס הַגַם זיי ווייסן דעם מִשפט פון גאָט, אַז די,
וואָס טוען אַזעלכע זאַכן, זענען חַייב־מִיתה, טוען ניט נאָר דאָס
זעלבע, נייערט זענען אויך מַסכים מיט די, וואָס טוען דאָס.
ב דעריבער ביסטו אָן אַ פאַרענטפערונג, אָ מענטש, ווער דו
זאָלסט ניט זיין, וואָס טוסט מִשפטן; וואָרים מיט דעם, וואָס דו
מִשפטסט אַן אַנדערן, פאַרמִשפֶטסטו דיך אַליין, וואָרים דו, וואָס
2 מִשפֶטסט, טוסט די זעלבע זאַכן. און מיר ווייסן, אַז דער מִשפט
פון גאָט טוט באֶמֶת קומען איבער די, וואָס טוען אַזעלכע זאָכן.
3 און מיינסטו טאַקע, אָ מענטש, וואָס טוסט מִשפטן די, וואָס טוען
אַזעלכע זאָכן, און טוסט דאָס זעלבע, אַז דו וועסט אַנטרינען דעם
4 מִשפט פון גאָט? אָדער טוסטו מבַזה זיין די עַשִירות פון זיין
גוטסקייט, און סַבלָנות, און צוריקגעהאַלטנקייט, און ווייסט ניט,
5 אַז די גוטסקייט פון גאָט פירט דיך צו תשובה? אָבער מיט
דיין האַרטנעקיק און פאַרעקשנט האַרץ זאַמלסטו אָן פאַר דיר
גרימצארן

גרימצאָרן אויף דעם טאָג פֿון גרימצאָרן, און די אַנטפּלעקונג
6 פֿון דעם גערעכטן מִשפּט פֿון גאָט, וואָס וועט פֿאַרגעלטן
7 יעדן איינעם לויט זיינע מַעשׂים: פֿאַר די, וואָס דורך געדולד
און מַעשׂים־טובֿים וואַרטן אויף הערלעכקייט, און כָּבֿוד, און
8 אומשטאַרבלעכקייט, אייביק לעבן; פֿאַר די אָבער, וואָס זענען
ווידערשפּעניק און געהאָרכן ניט דעם אֶמת, נייערט געהאָרכן
9 אומגערעכטיקייט, וועט זיין צאָרן און גרימצאָרן, יסורים און
באַדרענגעניש אויף יעדער מענטשלעכער נשָמה, וואָס טוט
10 שלעכטס, קודם־כָּל אויף דעם ייִד, און אויך אויף דעם גוי; אָבער
הערלעכקייט און כָּבֿוד און שָלום פֿאַר יעדן איינעם, וואָס טוט
11 גוטס, קודם־כָּל פֿאַר דעם ייִד, און אויך פֿאַר דעם גוי; וואָרים
12 גאָט איז ניט קיין נושׂא־פָּנים. וואָרים אַלע, וואָס האָבן געזינדיקט
אָן דער תּורה, וועלן אויך פֿאַרלוירן ווערן אָן דער תּורה, און אַלע,
וואָס האָבן געזינדיקט מיט דער תּורה, וועלן געמִשפּט ווערן
13 דורך דער תּורה. וואָרים ניט די, וואָס הערן די תּורה, זענען
גערעכט פֿאַר גאָט, נייערט די, וואָס זענען מקַיים די תּורה, וועלן
14 זיין גערעכטפֿאַרטיקט. בעת די אומות־הָעולם, וואָס האָבן ניט
קיין תּורה, טוען בטֶבֿע וואָס די תּורה הייסט, זענען זיי, הַגם זיי
15 האָבן ניט קיין תּורה, אַ תּורה פֿאַר זיך אַליין, מיט דעם, וואָס זיי
ווייזן די טואונג פֿון דער תּורה פֿאַרשריבן אין זייערע הערצער,
און זייער געוויסן איז אויסערדעם מֵעיד, און זייערע מַחשָבֿות
16 זענען איינס מיטן אַנדערן זיי מחַייבֿ, אָדער אויך מזַכּה, אין דעם
טאָג, ווען גאָט וועט מִשפּטן די פֿאַרהוילעניש פֿון די מענטשן,
17 לויט מיין בשׂורה טובֿה, דורך יֵשוּעַ הַמָשיחַ. אויבֿ אָבער דו
טראָגסט דעם נאָמען פֿון אַ ייִד, און ביסט דיך סומך אויף דער
18 תּורה, און רימסט דיך אין גאָט, און פֿאַרשטייסט זיין רָצון, און
ווייסט דעם חִילוק צווישן גוטס און שלעכטס, מַחמת דו ביסט
19 געלערנט אין דער תּורה, און ביסט בטוחַ, אַז דו אַליין ביסט
אַ פֿירער פֿון די בלינדע, אַ ליכט פֿון די, וואָס זענען אין דער
20 פֿינצטערניש, אַן אויסבעסערער פֿון די נאַראָנים, אַ לערער פֿון
קליינע

קלײנע קינדער, וואָס האָסט די פֿאָרם פֿון װיסן און פֿון דעם אֶמת
21 אין דער תּורה; בכן, דו, וואָס לערנסט אַן אַנדערן, לערנסט ניט
דיך אַלײן? דו, וואָס דרשנסט, זאָלסט ניט גַנבֿענען, און אַלײן
22 גַנבֿעסטו? דו, וואָס זאָגסט, זאָלסט ניט מזַנה זײַן, און אַלײן ביסטו
מזַנה? דו, וואָס דיך עקלען אָפּגעטער, און באַרויבסט טעמפּלען?
23 דו, וואָס רימסט דיך מיט דער תּורה, ביסטו מחַלל־שם, דורך
24 דעם עובֿר זײַן די תּורה? וואָרים דער נאָמען פֿון גאָט ווערט
איבער אײַך געלעסטערט צווישן די גויים, אַזוי ווי סע שטײט
25 געשריבן. וואָרים מילה ברענגט נוצן, אויב דו ביסט מקַיים
די תּורה; אויב אָבער דו ביסט עובֿר אויף דער תּורה, איז דײַן
26 מילה געוואָרן ערלה. בכן, אויב דער ניט־געמַלטער טוט היטן
די מצוות פֿון דער תּורה, צי וועט ניט זײַן ערלה פֿאַררעכנט
27 ווערן פֿאַר מילה? יאָ, דער וואָס איז בטֶבֿע ניט־געמַלט, נאָר
וואָס איז מקַיים די תּורה, וועט משפּטן דיך, וואָס מיט דעם אות
28 און מילה ביסטו עובֿר אויף דער תּורה. וואָרים ניט דער איז אַ
ייִד, וואָס איז עס לפּנים, און ניט דאָס איז מילה, וואָס איז דרויסן
29 פֿון דעם פֿלײש, נײַערט דער איז אַ ייִד, וואָס איז עס אינעווײניק,
און מילה איז דאָס פֿון דעם האַרץ, אין דעם גײַסט, און ניט אין
דעם אות. זײַן לויב איז ניט פֿון מענטשן, נײַערט פֿון גאָט.
ג אויב אַזוי, וואָסער מַעלה האָט דער ייִד, אָדער וואָס איז דער נוצן
2 פֿון מילה? אַ סך, אויף יעדן אופֿן. קודם־כּל, וואָס זײ זענען
3 אָנפֿאַרטרויט געוואָרן מיט די נבֿואות פֿון גאָט. וואָרים וואָס איז,
אויב אַ טײל פֿון זײ זענען ניט געווען געטרײַ? צי זאָל זײער
4 אומגעטרײַשאַפֿט מבַטל זײַן די געטרײַשאַפֿט פֿון גאָט? חלילה!
גיכער זאָל גאָט זײַן וואָרהאַפֿטיק, און יעדער מענטש אַ ליגנער,
ווי סע שטײט געשריבן: כּדי דו זאָלסט זײַן גערעכטפֿאַרטיקט
אין דײַנע רייד, און זאָלסט בײַשטײן, בעת דו ווערסט געמשפּט
5 ווערן. אויב אָבער אונדזער אומגערעכטיקײט ברענגט אַרויס
גאָטס גערעכטיקײט, וואָס זאָלן מיר זאָגן? איז גאָט אומגערעכט,
וואָס ער משפּט מיט גרימצאָרן? (איך רעד לויט דעם שטײגער
פֿון

6 פֿון מענטשן.) חָלִילָה, וואָרים אויב אַזוי, ווי זאָל גאָט מִשפּטן די
7 וועלט? אויב אָבער די וואָרהאַפּטיקייט פֿון גאָט האָט זיך דורך
מײַן ליגן פֿאַרמערט פֿאַר זײַן כָּבוד, פֿאַרוואָס ווער איך נאָך
8 אַלץ געמִשפּט ווי אַ זינדיקער? און פֿאַרוואָס ניט טאָן שלעכטס,
בִּכדי עס זאָל קומען גוטס? — ווי מיר ווערן פֿאַרלוימדעריש
באַרעדט, און ווי אַ טייל באַהויפּטן, אַז מיר זאָגן. זייער פּסַק
9 איז גערעכט. וואָס איז דער סוף? צי זענען מיר בעסער
ווי זיי? ניין, בשום אופן ניט; וואָרים מיר האָבן שוין פֿריער
באַשולדיקט סײַ יִדן און סײַ גויים, אַז זיי זענען אַלע אונטער
10 דער זינד, ווי סע שטייט געשריבן: ניטאָ קיין גערעכטער, אַפֿילו
11 ניט איינער; ניטאָ קיין פֿאַרשטענדיקער, ניטאָ איינער וואָס זוכט
12 גאָט; איטלעכער האָט אָפּגעקערט, אַלע זענען זיי פֿאַרדאָרבן;
13 ניטאָ קיינער, וואָס טוט גוטס, ניט אַפֿילו איינער. אַן אָפֿענער
קֶבֶר איז זייער קעל, זייער צונג מאַכן זיי גלאַט דער סַם פֿון
14 אַן אָטערשלאַנג איז אונטער זייערע ליפּן, זייער מויל איז פֿול
15 מיט קְלָלה און ביטערניש זייערע פֿיס זענען פֿלינק צו פֿאַרגיסן
16, 17 בלוט; פֿאַרוויסטונג און בראָך זענען אין זייערע שליאַכן, און דעם
18 וועג פֿון שָלום ווייסן זיי ניט. ניטאָ גאָטס מורא פֿאַר זייערע
19 אויגן. און מיר ווייסן, אַז וואָס נאָר די תּורה זאָגט, טוט זי רעדן צו
די, וואָס זענען מקבל געווען די תּורה, כּדי איטלעכס מויל זאָל
ווערן פֿאַרשטומט, און די גאַנצע וועלט זאָל זײַן חַייב פֿאַר גאָט.
20 מַחמת דורך די מַעשׂים פֿון דער תּורה וועט קיין שום בשׂר־וָדם
ניט גערעכטפֿאַרטיקט ווערן פֿאַר אים; וואָרים דורך דער תּורה
21 קומט דאָס וויסן פֿון דער זינד. אַצינד אָבער איז אַנטפּלעקט
געוואָרן אַ צדקות פֿון גאָט אָן דער תּורה, וואָס אויף איר ווערט
22 עֵדות געזאָגט דורך דער תּורה און די נביאים, דהײַנו: די צדקות
פֿון גאָט דורך אֱמונה אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, פֿאַר אַלע, וואָס גלייבן.
23 וואָרים עס איז ניטאָ קיין חִילוק; מַחמת אַלע האָבן געזינדיקט,
24 און זענען געמאַנגלעט דעם כָּבוד פֿון גאָט, אָבער זיי ווערן
אומזיסט גערעכטפֿאַרטיקט פֿון זײַן חֶסֶד דורך דער אויסלייזונג

25 פֿון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, וועמען גאָט האָט אַרויסגעשטעלט צו זײַן
אַ פֿאַרגעבונג דורך אֱמונה אין זײַן בלוט, צו ווײַזן זײַן צדקות,
דורך סליחת־עֲוונות פֿאַר די פֿריִער באַגאַנגענע זינד, צוליב דער
26 לײַטזעליקייט פֿון גאָט, צו ווײַזן זײַן צדקות אין דער איצטיקער
צײַט; כּדי ער אַליין זאָל זײַן גערעכט און דער רעכטפֿאַרטיקער
27 פֿון דעם, וואָס האָט אֱמונה אין יֵשוּעַן. בכן, וווּ איז דאָס רימען?
עס איז אויסגעשלאָסן. דורך וואָסער מין חוק? פֿון מַעשׂים? ניין,
28 נייערט דורך דעם חוק פֿון אֱמונה. מיר רעכענען דעריבער, אַז
אַ מענטש ווערט גערעכטפֿאַרטיקט דורך אֱמונה, אָן די מַעשׂים
29 פֿון דער תּורה. אָדער איז גאָט דער גאָט נאָר פֿון די יִדן? איז ער
30 ניט דער גאָט אויך פֿון די גויים? יאָ, אויך פֿון די גויים, זינט גאָט
איז איינער, און ער וועט רעכטפֿאַרטיקן די געמַלטע פֿון אֱמונה,
31 און די ניט־געמַלטע דורך אֱמונה. צי טוען מיר דען מבַטל זײַן
דורך אֱמונה די תּורה? חָלִילה; נייערט מיר זענען מקַיים די
תּורה.

ד וואָס זשע זאָלן מיר זאָגן, אַז אַבְרָהם אָבִינו האָט דערגרייכט
2 לויט דעם פֿלייש? וואָרים אויב אַבְרָהם איז גערעכטפֿאַרטיקט
געוואָרן דורך מַעשׂים טובים, האָט ער געהאַט מיט וואָס זיך צו
3 רימען, אָבער ניט פֿאַר גאָט. וואָרים וואָס זאָגט דער פָּסוק?
און אַבְרָהם האָט געגלייבט גאָט, און עס איז אים אַ דין־וחשבון
4 געוואָרן פֿאַר גערעכטיקייט. אָבער פֿאַר דעם, וואָס טוט זיך
מִיען, ווערט דער שׂכר ניט פֿאַררעכנט ווי אַ חֶסד, נייערט ווי אַ
5 חוב. און דער, וואָס טוט זיך ניט מִיען, נייערט גלייבט אין אים,
וואָס רעכטפֿאַרטיקט דעם רָשע, ווערט זײַן אֱמונה פֿאַררעכנט
6 פֿאַר גערעכטיקייט. אַזוי לויבט אויך דָוִד דעם מענטשן, וועמען
7 גאָט טוט צורעכענען גערעכטיקייט אָן מַעשׂים טובים: וואויל
איז די, וועמעס פֿאַרברעכנס זענען פֿאַרגעבן, און וועמעס חַטָאים
8 זענען פֿאַרדעקט. וואויל איז דעם מענטשן, וועמען גאָט רעכנט
9 ניט אָן קיין זינד. צי באַציט זיך די דאָזיקע בְרָכה אויף דעם
געמַלטן, אָדער אויך אויף דעם ניט־געמַלטן? וואָרים מיר

זאָגן: אַבֿרָהמען איז זײַן אֱמונה פֿאַררעכנט געוואָרן פֿאַר אַ
10 גערעכטיקייט. וויאַזוי זשע איז עס אים גערעכנט געוואָרן? איז
עס געווען אײדער, אָדער נאָכדעם ווי ער איז געמַלט געוואָרן?
עס איז ניט געווען נאָכדעם, נײַערט אײדער ער איז געמַלט
11 געוואָרן. און ער האָט מקַבל געווען דעם צייכן פֿון מִילה, אַ
חותם פֿון דער צִדקות, וואָס ער האָט געהאַט פֿון דער אֱמונה,
בעת ער איז געווען אין עָרלה, בִּכדי ער זאָל זײַן דער פֿאָטער
פֿון אַלע, וואָס גלייבן, הַגם זיי בלײַבן אין עָרלה, כּדי עס זאָל
12 זיי צוגערעכנט ווערן צִדקות, און דער פֿאָטער פֿון געמַלטע פֿאַר
די, וואָס זענען ניט נאָר געמַלט, נײַערט וואָס גייען אויך אין
די טריט פֿון דער אֱמונה פֿון אַבֿרָהם אָבֿינו, וואָס ער האָט
13 געהאַט בעת ער איז נאָך ניט געווען געמַלט. וואָרים ניט דורך
דער תּורה איז געקומען די הַבֿטָחה צו אַבֿרָהמען, אָדער צו
זײַן זאָמען, אַז ער זאָל זײַן יוֹרש פֿון דער וועלט, נײַערט דורך
14 צִדקות פֿון אֱמונה. וואָרים אויב די, וואָס זענען פֿון דער תּורה,
זענען יוֹרשים, ווערט די אֱמונה נישטיק, און די הַבֿטָחה בָּטל.
15 וואָרים די תּורה ברענגט גרימצאָרן; אָבער וווּ עס איז ניטאָ
16 קיין תּורה, דאָרט איז אויך ניטאָ קיין עֲבֿירה. דעריבער איז
עס אויך פֿון אֱמונה, כּדי עס זאָל זײַן דורך חֶסד, אַזוי, אַז די
הַבֿטָחה זאָל באַשטײן פֿאַר דעם גאַנצן זאָמען; ניט נאָר פֿאַר
יענעם, וואָס איז פֿון דער תּורה, נײַערט אויך פֿאַר יענעם, וואָס
איז פֿון דער אֱמונה פֿון אַבֿרָהמען. ער איז דער פֿאָטער פֿון
17 אונדז אַלע, ווי עס שטייט געשריבן: פֿאַר אַ פֿאָטער פֿון אַ
סך פֿעלקער האָב איך דיך געמאַכט ־ פֿאַר גאָט, וועמען ער
האָט געגלייבט, און וואָס איז מחַיֵה־מֵתים, און רופֿט דאָס, וואָס
18 איז נאָך ניטאָ, גלײַך ווי עס וואָלט שוין געווען. וואָס הַגם
ער האָט ניט געהאַט קיין האָפֿענונג, האָט ער געגלייבט אין
האָפֿענונג, אַז ער וועט ווערן אַ פֿאָטער פֿון אַ סך פֿעלקער, לויט
ווי עס איז צו אים געזאָגט געוואָרן: אַזוי זאָל זײַן דײַן זאָמען.
19 און הַגם ער איז ניט געווען אָפּגעשוואַכט אין אֱמונה, האָט ער

באטראכט

באַטראַכט זיין אייגן לייַב שוין אַזוי גוט ווי טויט, ווייל ער איז
אַלט געווען אַרום הונדערט יאָר, און די טויטקייט פון שׂרָהס
20 מוטערטראַכט; און איז ניט מסופק געווען אין דער הבטחה פון
גאָט דורך אומגלויבן, נייערט האָט זיך געשטאַרקט אין אֱמונה,
21 און האָט אָפּגעגעבן כָּבוד צו גאָט, און איז געווען בטוח, אַז וואָס
22 ער האָט מַבטיחַ געווען, איז ער אויך בּיכולת צו טאָן. בּכֵן,
23 איז דאָס אים אויך פאַררעכנט געוואָרן פאַר גערעכטיקייט. און
ניט פון זייַנעטוועגן אַליין איז עס געשריבן געוואָרן, אַז עס איז
24 אים פאַררעכנט געוואָרן, נייערט אויך פון אונדזערטוועגן, פאַר
וועמען סע וועט פאַררעכנט ווערן, ווייל מיר גלויבן אין אים,
25 וואָס האָט מחַיֵה־מֵתים געווען יֵשוּעַ, אונדזער האַר, וואָס איז
איבערגעענטפערט געוואָרן פאַר אונדזערע פאַרברעכנס, און
איז אויפגעוועקט געוואָרן פאַר אונדזער רעכטפאַרטיקונג.
ה בּכֵן, ווייל מיר זענען גערעכטפאַרטיקט דורך אֱמונה, האָבן
2 מיר שָלום מיט גאָט דורך אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשיחַ, דורך
וועמען מיר האָבן אויך באַקומען אונדזער צוגאַנג פון אֱמונה
אין דעם דאָזיקן חֶסֶד, אין וועלכן מיר שטייען, און מיר פרייען
3 זיך אין דער האָפנונג פון דער הערלעכקייט פון גאָט. און ניט
נאָר דאָס, נייערט מיר פרייען זיך אויך אין אונדזערע צָרות,
4 ווייל מיר ווייסן, אַז די צָרה בּרענגט געדולד, און געדולד,
5 דערפאַרונג, און דערפאַרונג, האָפענונג, און האָפענונג בּרענגט
ניט צו שאַנד, מַחמת די ליבשאַפט פון גאָט איז אויסגעגאָסן
געוואָרן אין אונדזערע הערצער דורך דעם רוח־הַקודֶש, וואָס
6 איז אונדז געגעבן געוואָרן. וואָרים בּעת מיר זענען נאָך געווען
שוואַך, איז מָשיחַ אין דער געהעריקער צייט געשטאָרבן פאַר
7 די רשָעים. וואָרים עמיצער וועט קוים שטאַרבן פאַר אַ צַדיק;
פאַר דעם גוטן וואָלט זיך דאָך אֶפשר עמיצער אונטערגענומען
8 צו שטאַרבן. גאָט האָט אָבער באַוויזן זיין ליבשאַפט צו אונדז
מיט דעם, וואָס בּעת מיר זענען נאָך געווען זינדיקע, איז מָשיחַ
9 פאַר אונדז געשטאָרבן. אַ פּשיטא שוין וועלן מיר איצט, בּעת
מיר

מיר זענען גערעכטפֿאַרטיקט געוואָרן דורך זיין בלוט, ניצול
10 ווערן דורך אים פֿון דעם צאָרן פֿון גאָט. וואָרים אויב מיר,
בעת מיר זענען געווען שׂונאים, זענען באַוויליקט געוואָרן פֿאַר
גאָט דורך דעם טויט פֿון זיין זון, אַ פּשיטא שוין, בעת מיר
זענען שוין באַוויליקט געוואָרן, וועלן מיר ניצול ווערן דורך זיין
11 לעבן; און ניט נאָר דאָס, נייערט מיר פֿרייען זיך אויך אין גאָט
דורך אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשיחַ, דורך וועמען מיר האָבן איצט
12 מקַבל געווען די באַוויליקונג. בכן, אַזוי ווי דורך איין מענטשן
איז די זינד געקומען אין דער וועלט אַריין, און טויט דורך זינד,
אַזוי איז דער טויט אַריבער צו אַלע מענטשן, ווייל אַלע האָבן
13 געזינדיקט. וואָרים פֿאַר מַתּן־תּורה איז זינד שוין געווען אויף
דער וועלט, אָבער זינד ווערט ניט צוגערעכנט, בעת עס איז
14 ניטאָ קיין תּורה. דאָך האָט דער טויט געהערשט פֿון אָדָמען
ביז משהן אַפֿילו איבער די, וואָס האָבן ניט געזינדיקט אויף
דעם אופֿן פֿון אָדָם, וואָס איז ענלעך צו אים, וואָס האָט געזאָלט
15 קומען. אָבער ניט אַזוי איז עס מיט דער מַתָּנה, ווי מיט דער
עֲבֵירה. וואָרים אויב דורך דער עֲבֵירה פֿון דעם איינעם זענען
אַ סך געשטאָרבן, אַ סך מער האָט דער חֶסֶד פֿון גאָט, און די
מַתָּנה דורך דעם חֶסֶד פֿון דעם איינעם מענטשן יֵשוּעַ הַמָשיחַ
16 זיך פֿאַרמערט איבער דעם רַבּים׳ און ניט ווי דורך איינעם, וואָס
האָט געזינדיקט, איז די מַתָּנה; וואָרים דער מִשפּט איז געקומען
צו דער פֿאַראורטיילונג פֿון איינעם, אָבער די מַתָּנה איז געקומען
17 פֿון אַ סך עֲבֵירות צו רעכטפֿאַרטיקונג. וואָרים אויב דורך דער
עֲבֵירה פֿון דעם איינעם האָט דער טויט געהערשט דורך דעם
איינעם, אַ סך מער וועלן די, וואָס זענען מקַבל די שֶפע פֿון
חֶסֶד, און פֿון דער מַתָּנה פֿון רעכטפֿאַרטיקייט, הערשן אין לעבן
18 דורך דעם איינעם מענטשן, יֵשוּעַ הַמָשיחַ. בכן, אַזוי ווי דורך איין
עֲבֵירה איז דער מִשפּט געקומען איבער אַלע מענטשן, פּונקט
אַזוי איז די רעכטפֿאַרטיקייט איבערגעגאַנגען פֿון דעם איינעם
19 צו דער רעכטפֿאַרטיקונג און לעבן פֿון אַלע מענטשן. וואָרים

אַזוי ווי דורך דערווידערשפּעניקייט פון דעם איינעם מענטשן איז
דער רַבּים געמאַכט געוואָרן זינדיק, פּונקט אַזוי וועט דער רַבּים
20 דורך געהאָרכזאַמקייט פון דעם איינעם ווערן גערעכט. און די
תּורה איז דערבּיי אַרייַנגעקומען, כּדי דאָס פאַרבּרעכן זאָל זיך
פאַרמערן; אָבער וואו די זינד האָט זיך געמערט, האָט זיך דער
21 חֶסֶד נאָך מער פאַרמערט, כּדי אַזוי ווי די זינד האָט געהערשט
אין טויט, פּונקט אַזוי זאָל דער חֶסֶד הערשן דורך גערעכטיקייט
צום אייבּיקן לעבּן דורך יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, אונדזער האַר.
1 בּכֵן, וואָס זאָלן מיר זאָגן? זאָלן מיר פאַרבּלייַבּן אין דער
2 זינד, כּדי דער חֶסֶד זאָל זיך פאַרמערן? חָלִילָה! מיר, וואָס
זענען אָפּגעשטאָרבּן פאַר דער זינד, וויאַזוי קענען מיר נאָך אין
3 איר לעבּן? אָדער ווייסט איר ניט, אַז מיר אַלע, וואָס זענען
געטובלט געוואָרן אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, זענען געטובלט געוואָרן
4 אין זיין טויט? מיר זענען דעריבּער בּאַגראָבּן געוואָרן מיט
אים דורך דער טבילה אין דעם טויט, בּכדֵי, פּונקט ווי מָשִיחַ
איז אויפגעוועקט געוואָרן פון די טויטע דורך דעם כָּבוד פון
דעם פאָטער, אַזוי זאָלן מיר אויך גיין אין דעם נייַען לעבּן.
5 וואָרים אויבּ מיר זענען בּאַהעפט געוואָרן מיט אים אין דער
ענלעכקייט פון זיין טויט, וועלן מיר אויך זיין בּאַהעפט אין
6 דער ענלעכקייט פון זיין תּחִיַת־הַמֵתים. וואָרים מיר ווייסן, אַז
אונדזער אַלטער מענטש איז מיט אים געקרייציקט געוואָרן, כּדי
סע זאָל אָפּגעטאָן ווערן דער גוף פון זינד, און מיר זאָלן מער
7 ניט זיין אין קנעכטשאַפט צו דער זינד. וואָרים דער, וואָס איז
8 געשטאָרבּן, איז גערעכטפאַרטיקט פון דער זינד. אויבּ אָבער
מיר זענען געשטאָרבּן מיט מָשִיחַן, גלויבּן מיר, אַז מיר וועלן
9 אויך לעבּן מיט אים. וואָרים מיר ווייסן, אַז נאָכדעם ווי מָשִיחַ איז
אויפגעשטאַנען תּחִיַת־הַמֵתים, טוט ער מער ניט שטאַרבּן; טויט
10 האָט מער ניט קיין שלִיטה איבּער אים. וואָרים דעם טויט, וואָס
ער איז געשטאָרבּן, איז ער פאַר דער זינד געשטאָרבּן אײן מאָל;
11 אָבער דאָס לעבּן, וואָס ער לעבּט, לעבּט ער פאַר גאָט. פּונקט
אַזוי

אַזוי זאָלט איר זיך אויך רעכענען צו זײַן טויט פאַר דער זינד,
12 אָבער לעבעדיק פאַר גאָט אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. זאָל דעריבער די
זינד ניט הערשן אין אייער שטאַרבלעכן לײַב, כּדי צו געהאָרכן
13 אירע תַּאוות; גיט אויך ניט אָפּ אייערע אֵברים פאַר דער זינד ווי
כּלֵי־זַיִן פון אומגערעכטיקייט, נייערט גיט זיך איבער צו גאָט, ווי
לעבעדיק געוואָרענע פון די טויטע, און אייערע אֵברים ווי כּלֵי־זַיִן
14 פון גערעכטיקייט פאַר גאָט. וואָרים די זינד וועט ניט האָבן קיין
שליטה איבער אייך, מַחמת איר זענט ניט אונטער דער תּורה,
15 נייערט אונטער דעם חֶסֶד. וואָס זשע דען? זאָלן מיר זינדיקן,
ווײַל מיר זענען ניט אונטער דער תּורה, נייערט אונטער דעם
16 חֶסֶד? חָלילה! ציווייסט איר ניט, אַז צו וועמען איר גיט זיך
איבער ווי קנעכט צו געהאָרכזאַמקייט, זענט איר די קנעכט פון
אים, וועמען איר טוט געהאָרכן, סײַ דער זינד צום טויט, אָדער
17 געהאָרכזאַמקייט צו גערעכטיקייט? אָבער בָּרוך השֵם, אַז אַזוי ווי
איר זענט געווען קנעכט פון דער זינד, זענט איר אָבער געוואָרן
געהאָרכזאַם פון האַרצן צו יענער פאָרם פון תּוֹרה צו וועלכער
18 איר זענט איבערגעגעבן געוואָרן. און ווײַל איר זענט
באַפרײַט געוואָרן פון דער זינד, זענט איר געוואָרן קנעכט פון
19 גערעכטיקייט. איך רעד לויט דעם שטייגער פון מענטשן, צוליב
דער שוואַכקייט פון אייער פלייש. וואָרים אַזוי ווי איר האָט
איבערגעגעבן אייערע אֵברים פאַר קנעכט צו דער טומאה און
פון רִשעות צו רִשעות, פונקט אַזוי זאָלט איר איצט איבערגעבן
20 אייערע אֵברים צו גערעכטיקייט פאַר קדושה. וואָרים בעת איר
זענט געווען קנעכט פון דער זינד, זענט איר געווען פרײַ פון
21 גערעכטיקייט. בכן, וואָסער פרוכט האָט איר דעמאָלט געהאַט
פון יענע זאַכן, מיט וועלכע איר שעמט זיך איצט? וואָרים דער
22 סוף פון יענע זאַכן איז טויט. אָבער איצט, בעת איר זענט
באַפרײַט געוואָרן פון דער זינד און זענט געוואָרן קנעכט פון
גאָט, האָט איר אייער פֵּירות פון קדושה, און צום סוף – אייביק
23 לעבן. וואָרים דער שׂכר פון זינד איז דער טויט; אבער די מַתָּנה
פון

פֿון גאָט איז אייביק לעבן אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, אונדזער האַר.
7 אָדער ווייסט איר ניט, ברידער — וואָרים איך רעד צו מענטשן,
וואָס קענען די תּורה — אַז די תּורה האָט שליטה איבער אַ
2 מענטשן, כָּל־זמַן ער לעבט? וואָרים די פֿאַרהייראַטע פֿרוי
איז געבונדן מן־התּורה צו דעם מאַן, כָּל־זמַן ער לעבט; אויב
אָבער דער מאַן שטאַרבט, איז זי פּטור פֿון דעם דין צו דעם
3 מאַן. דעריבער, אויב זי באַהעפֿט זיך מיט אַן אַנדערן מאַן,
כָּל־זמַן איר מאַן לעבט, וועט זי אָנגערופֿן ווערן אַ זונה; אָבער
אויב דער מאַן שטאַרבט, איז זי פֿריי פֿון דעם דין, אַזוי, אַז זי
איז ניט קיין זונה, הגם זי באַהעפֿט זיך מיט אַן אַנדערן מאַן.
4 דעריבער, מיינע ברידער, אויך איר זענט געוואָרן טויט פֿאַר
דער תּורה דורך דעם גוף פֿון מָשיחן, כּדי באַהעפֿט צו ווערן מיט
אַן אַנדערן, צו אים, וואָס איז אויפֿגעשטאַנען תּחית־המתים, בכדי
5 מיר זאָלן קאָנען אַרויסברענגען פּירות פֿאַר גאָט. וואָרים בעת
מיר זענען געווען אין דעם פֿלייש, האָבן די זינדיקע תּאוות, וואָס
זענען געווען דורך דער תּורה, געווירקט אין אונדזערע אֵברים
6 אַרויסצוברענגען פּירות פֿאַר דעם טויט. אָבער איצט זענען מיר
פֿריי פֿון דער תּורה, ווייל מיר זענען געשטאָרבן פֿון דעם, צו
וואָס מיר זענען געווען געבונדן, אַזוי, אַז מיר דינען אין דער
נייַקייט פֿון דעם גייסט, און ניט אין דער אַלטקייט פֿון דעם אות.
7 דעריבער, וואָס זשע זאָלן מיר זאָגן? אַז די תּורה איז זינד?
חָלִילָה! דאָך איך וואָלט ניט געקענט קיין זינד, סיידן דורך דער
תּורה; וואָרים איך וואָלט ניט געוואוסט פֿון קיין גלוסטיקייט, ווען
8 די תּורה וואָלט ניט געזאָגט: דו זאָלסט ניט גלוסטן. אָבער די
זינד, ווייל זי האָט געפֿונען אַ סיבה, האָט געווירקט אין מיר דורך
דעם געבאָט אַלערליי גלוסטיקייטן; וואָרים אָן דער תּורה איז די
9 זינד טויט. און איך האָב אַמאָל געלעבט אָן דער תּורה, אָבער
בעת דאָס געבאָט איז געקומען, האָט די זינד אויפֿגעלעבט, און
10 איך בין געשטאָרבן; און דאָס געבאָט, וואָס האָט געזאָלט זיין
11 צום לעבן, האָב איך געפֿונען, איז פֿאַר מיר דער טויט. וואָרים די

זינד

זינד, בעת זי האָט געפֿונען אַ סִבּה, האָט מיך דורך דעם געבאָט
12 אָפּגענאַרט, און מיך געטייט דורך איר. די תּוֹרה איז הייליק,
13 און דאָס געבאָט איז הייליק, און רעכטפֿאַרטיק, און גוט. צי איז
דען דאָס, וואָס איז גוט, געוואָרן פֿאַר מיר צום טויט? חָלִילָה!
נייערט די זינד, כּדי זי זאָל קענען אַנטפּלעקט ווערן פֿאַר אַ זינד,
האָט אין מיר געווירקט דעם טויט דורך דעם גוטס, בִּכְדֵי דורך
14 דעם געבאָט זאָל די זינד זייער זינדיק ווערן. וואָרים מיר ווייסן,
אַז די תּוֹרה איז רוּחניוּת, אָבער איך בּין גלוּסטיקייט, פֿאַרקויפֿט
15 אונטער דער זינד. וואָרים דאָס, וואָס איך טו, פֿאַרשטיי איך ניט,
וואָרים ניט וואָס איך וויל, דאָס טו איך, נייערט וואָס איך האָב
16 פֿיינט, דאָס טו איך. אויב אָבער וואָס איך וויל ניט, דאָס טו איך,
17 בּין איך מודה, אַז די תּוֹרה איז גוט. און אַצינד, ניט איך בּין דאָס
18 מער, וואָס טו דאָס, נייערט די זינד, וואָס וואוינט אין מיר. וואָרים
איך ווייס, אַז אין מיר, דאָס הייסט, אין מיין פֿלייש, וואוינט ניט
קיין גוטס. וואָרים דער בּאַגער איז אין מיר פֿאַראַן, אָבער צו
19 טאָן, וואָס איז גוט, איז ניטאָ וואָרים דאָס גוטע, וואָס איך וויל, טו
20 איך ניט; נייערט דאָס בּייזע, וואָס איך וויל ניט, דאָס טו איך. בּכֵן,
אויב איך טו דאָס, וואָס איך וויל ניט, איז דאָס מער ניט איך, וואָס
21 טו עס, נייערט די זינד, וואָס וואוינט אין מיר. איך געפֿין דעריבּער
דעם חוֹק, אַז אין מיר, וואָס וויל טאָן דאָס גוטע, איז פֿאַראַן
22 דאָס בּייזע. וואָרים איך פֿריי מיך אין דער תּוֹרה פֿון גאָט לויט
23 דעם אינעווייניקסטן מענטשן; איך זע אָבער אין מיינע אֵבָרים אַן
אַנדער חוֹק מִלְחָמה האַלטן קעגן דעם חוֹק פֿון מיין שֵׂכֶל, און
וואָס טוט מיך בּרענגען אין געפֿאַנגענשאַפֿט אונטער דעם חוֹק
24 פֿון דער זינד, וואָס איז אין מיינע אֵבָרים. אָ אומגליקלעכער
מענטש וואָס איך בּין! ווער וועט מיך מַצִיל זיין פֿון דעם גוף פֿון
25 דעם דאָזיקן טויט? איך דאַנק גאָט דורך יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ, אונדזער
האַר! און דעריבּער, טו איך פֿון מיר אַליין דינען די תּוֹרה פֿון גאָט
מיט מיין גייסט, אָבער מיט דעם פֿלייש, דאָס געזעץ פֿון זינד.
ח עס איז דעריבּער ניטאָ אַצינד קיין פֿאַרמִשְׁפָּטוּנג פֿאַר די, וואָס

2 זענען אין יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ. וואָרים די תּוֹרה פֿון דעם רוּח־הַחַיים אין
יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ האָט מיך באַפֿרייט פֿון דעם געזעץ פֿון זינד און
3 פֿון טויט. וואָרים וואָס די תּוֹרה האָט ניט געקענט טאָן, ווייל זי
איז געווען שוואַך דורך דעם פֿלייש, האָט גאָט געטאָן, מיט דעם
שיקן זיין אייגענעם זון אין דער געשטאַלט פֿון זינדיקן פֿלייש און
פֿונוועגן דער זינד, האָט ער פֿאַרמִשפּט די זינד אין דעם פֿלייש,
4 כּדי די רעכטפֿאַרטיקייט פֿון דער תּוֹרה זאָל מקוּים ווערן אין
אונדז, וואָס לעבן ניט לויט דעם פֿלייש, נייערט לויט דעם גייסט.
5 וואָרים די, וואָס לעבן לויט דעם פֿלייש, טראַכטן וועגן די זאַכן
פֿון דעם פֿלייש; אָבער די, וואָס לעבן לויט דעם גייסט, טראַכטן
6 וועגן די זאַכן פֿון דעם גייסט. וואָרים דאָס טראַכטן פֿון דעם
פֿלייש איז טויט, אָבער דאָס טראַכטן פֿון דעם גייסט איז לעבן
7 און שָלום, מַחמת דאָס טראַכטן פֿון דעם פֿלייש איז שִׂנאה קעגן
גאָט, ווייל עס איז ניט אונטערטעניק דער תּוֹרה פֿון גאָט, און קען
8 עס אויך ניט זיין. און די, וואָס לעבן לויט דעם פֿלייש, קענען גאָט
9 ניט וואוילגעפֿעלן ווערן. אָבער איר לעבט ניט לויט דעם פֿלייש,
נייערט לויט דעם גייסט, אויב דער גייסט פֿון גאָט וואוינט באמת
אין אייך. אָבער אויב עמיצער האָט ניט דעם גייסט פֿון מָשִׁיחַן,
10 דער געהערט ניט צו אים. און אויב מָשִׁיחַ איז אין אייך, איז
דער גוף טויט צוליב דער זינד, אָבער דער גייסט לעבט פֿונוועגן
11 דער גערעכטיקייט. אויב אָבער דער גייסט פֿון אים, וואָס האָט
יֵשוּעַן מחַיֵה־מֵתים געווען, וואוינט אין אייך, וועט דער, וואָס
האָט מחַיֵה־מֵתים געווען יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַן, אויך לעבעדיק מאַכן
אייערע שטאַרבלעכע לײַבער דורך זיין גייסט, וואָס וואוינט אין
12 אייך. דעריבער, ברידער, מיר זענען ניט שולדיקע דעם פֿלייש,
13 צו לעבן לויט דעם פֿלייש – וואָרים אויב איר לעבט לויט
דעם פֿלייש, מוזט איר שטאַרבן, אויב אָבער איר וועט דורך
דעם גייסט אָפּטייטן די מַעשׂים פֿון דעם גוף, וועט איר לעבן.
14 וואָרים אַלע, וואָס ווערן געפֿירט דורך דעם רוח אלהים, זענען
15 קינדער פֿון גאָט. וואָרים איר האָט ניט מקַבל געווען דעם גייסט
פֿון

פון קנעכטשאַפט נאָך אַמאָל מורא צו האָבן, נייער איר האָט
מקַבל געווען דעם גייסט פון אָנגענומענע קינדער, וואָס דורך
16 אים רופן מיר: אַבָא, פּאָטער׳ דער גייסט אַליין זאָגט עֵדות מיט
17 אונדזער גייסט, אַז מיר זענען קינדער פון גאָט. און אויב קינדער,
זענען מיר אויך יורשים, יורשים פון גאָט, און בשותפותדיקע
יורשים מיט מָשיחַן, אויב מיר ליידן מיט אים, כדי מיר זאָלן
18 אויך מיט אים פאַרהערלעכט ווערן. וואָרים איך רעכן, אַז די
ליידן פון דער הײַנטיקער צייט זענען ניט ווערט פאַרגלײַכט
צו ווערן מיט דעם כָּבוד, וואָס וועט אונדז אַנטפּלעקט ווערן.
19 וואָרים די ערנסטע דערוואַרטונג פון דעם באַשאַף וואַרטעט
20 אויף דער אַנטפּלעקונג פון די קינדער פון גאָט. וואָרים דער
באַשאַף איז אונטערטעניק געוואָרן דער נישטיקייט, ניט פון זיין
אייגענעם ווילן, נייערט דורך אים, וואָס האָט אים אונטערטעניק
21 געמאַכט אין דער האָפענונג, אַז דער באַשאַף אַליין וועט אויך
אויסגעלייזט ווערן פון דער קנעכט־שאַפט פון פאַרדאַרבונג צו
22 דער פרײַהייט פון דעם כָּבוד פון גאָטס קינדער. וואָרים מיר
ווייסן, אַז דער גאַנצער באַשאַף אינאיינעם זיפצט און ווייטיקן
23 אין פיין ביז אַצינד. און ניט נאָר דאָס, נייערט אויך מיר אַליין,
וואָס האָבן די ביכּורים פון דעם גייסט, אויך מיר זיפצן אין זיך
אַליין, בעת מיר וואַרטן אויף אונדזער קינדער־רעכט, אויף דער
24 אויסלייזונג פון אונדזער גוף. וואָרים אין דער דאָזיקער האָפענונג
זענען מיר ניצול געוואָרן. אָבער אַ האָפענונג, וואָס מען זעט, איז
ניט קיין האָפענונג; וואָרים ווער האָפט אויף דעם, וואָס ער זעט?
25 אויב אָבער מיר האָפן אויף דעם, וואָס מיר זעען ניט, דעמאָלט
26 וואַרטן מיר דערויף מיט געדולדיקייט. און אויף דעם זעלבן
אופן העלפט אונדז אויך דער גייסט אין אונדזער שוואַכקייט;
וואָרים מיר ווייסן ניט ווי אַזוי מיר דאַרפן מִתפַּלֵל זיין, אָבער
דער גייסט אַליין טוט פאַר אונדז פירשפרעכן מיט זיפצן, וואָס
27 קענען ניט אַרויסגערעדט ווערן. און דער, וואָס פאָרשט די
הערצער, ווייסט וואָס עס איז די מַחשָבה פון דעם גייסט, מַחמת
ער

ער טוט פֿירשפּרעכן פֿאַר די הייליקע, לויט דעם רָצון פֿון גאָט.
28 און מיר ווייסן, אַז אַלצדינג טוט ווירקן צום גוטן פֿאַר די, וואָס
האָבן ליב גאָט, טאַקע פֿאַר די, וואָס זענען באַרופֿן לויט זיין
29 כַּוָנה. וואָרים וועמען ער האָט פֿון פֿריער געקענט, האָט ער אויך
פֿאָרויסבאַשטימט צו זיין ענלעך צו דעם בילד פֿון זיין זון, כּדי
30 ער זאָל זיין דער בכור צווישן אַ סך ברידער. און וועמען ער
האָט פֿאָרויסבאַשטימט, די האָט ער אויך באַרופֿן; און וועמען
ער האָט באַרופֿן, די האָט ער גערעכטפֿאַרטיקט; און וועמען ער
האָט גערעכטפֿאַרטיקט, די האָט ער אויך אויך פֿאַרהערלעכט.
31 וואָס זשע זאָלן מיר זאָגן צו דעם? אויב גאָט איז פֿאַר אונדז,
32 ווער קאָן זיין קעגן אונדז? ער, וואָס האָט ניט געשוינט זיין
אייגענעם זון, נייערט האָט אים איבערגעענטפֿערט פֿאַר אונדז
33 אַלע, וויאַזוי זאָל ער אונדז מיט אים ניט אַלצדינג שענקען? ווער
וועט מיט עפּעס פֿאַרקלאָגן גאָטס אויסדערווײלטע? עס איז
34 גאָט, וואָס רעכטפֿאַרטיקט; ווער איז דער, וואָס פֿאַרמִשפּט?
עס איז יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, וואָס איז געשטאָרבן, יאָ, ליבערשט, וואָס
איז אויפֿגעשטאַנען תּחִיַת־הַמֵתים, וואָס איז ביי דער רעכטער
35 האַנט פֿון גאָט, און וואָס אויך פֿירשפּרעכט פֿאַר אונדז. ווער
וועט אונדז אָפּשיידן פֿון דער ליבשאַפֿט פֿון מָשיחַן? זאָלן צָרות,
אָדער דַחקות, אָדער רדִיפֿה, אָדער הונגער, אָדער נאַקעטקייט,
36 אָדער סַכָּנה, אָדער שווערד? אַזוי ווי סע שטייט געשריבן: וואָרים
פֿון דיינעטוועגן ווערן מיר געהַרגעט דעם גאַנצן טאָג, מיר זענען
37 פֿאַררעכנט געוואָרן ווי שאָף צו דער שחִיטה. אָבער אין דעם
אַלעמען זענען מיר מער ווי בעלי־נִצחון דורך אים, וואָס האָט
38 אונדז ליב געהאַט. וואָרים איך בין בטוח, אַז ניט דער טויט, און
ניט דאָס לעבן, ניט מַלאָכים, און ניט מֶמשָלות, ניט פֿאַראַנענע
39 זאַכן, ניט זאַכן, וואָס וועלן זיין, ניט גבורות, ניט הייך, ניט טיף,
אויך ניט קיין אַנדער באַשאַף, וועט אונדז קענען אָפּשיידן פֿון
דער ליבשאַפֿט פֿון גאָט, וואָס איז אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, אונדזער
האַר.

איך זאָג דעם אֶמת אין מָשִׁיחַן, איך זאָג קיין ליגן ניט; מיין געוויסן ט
איז מיר אויך מֵעיד דורך דעם רוח־הַקודֶש, אַז איך האָב גרויס 2
צַער און אַ בּאַשטענדיקן ווייטיק אין מיין האַרצן. וואָרים איך 3
וואָלט ליבערשט וועלן, אַז איך אַליין זאָל זיין אין חֵרֶם פֿון מָשִׁיחַן
פֿונוועגן מיינע ברידער, מיינע קרובֿים, לויט דעם פֿלייש, וואָס 4
זענען בני־ישׂראל, וואָס זיי געהערט דאָס רעכט פֿון קינדער,
און דער כָּבוד, און די בונדן, און מַתּן־תּורה, און די עֲבֿודה, און
די הַבטָחות; וואָס צו זיי געהערן די אָבֿות, און פֿון וועמען סע 5
שטאַמט מָשִׁיחַ, לויט דעם פֿלייש, וואָס איז איבער אַלצדינג,
בָּרוך־הַשֵׁם אויף אייבּיק. אָמֵן. אָבער דאָס מיינט ניט, אַז דאָס 6
וואָרט פֿון גאָט איז בָּטל געוואָרן. וואָרים זיי זענען ניט אַלע
יִשׂרָאל, וואָס זענען פֿון יִשׂרָאל, זיי זענען אויך ניט אַלע קינדער, 7
מַחמת זיי זענען אַבֿרָהמס זאָמען; נייערט: אין יִצחָקן זאָל גערופֿן
ווערן דיין זאָמען. דאָס הייסט: ניט די קינדער פֿון דעם פֿלייש 8
זענען קינדער פֿון גאָט, נייערט די קינדער פֿון דער הַבטָחה
ווערן פֿאַררעכנט פֿאַר דעם זאָמען. וואָרים דאָס איז דאָס וואָרט 9
פֿון דער הַבטָחה: צו דער דאָזיקער צייט וועל איך קומען, און
שָׂרה וועט האָבן אַ זון. און ניט נאָר דאָס אַליין, נייערט אויך 10
רִבקָה, בעת זי איז פֿאַרגאַנגען אין טראָגן פֿון איינעם, פֿון יִצחָק
אָבִֿינו, און איידער די קינדער זענען נאָך געבוירן געוואָרן, און 11
האָבן ניט געטאָן קיין גוטס אָדער בייז ־ כּדי די כַּוָנה פֿון גאָט
לויט דער בּחִירה זאָל באַ־שטיין, ניט פֿון מַעשׂים, נייערט דורך
אים, וואָס טוט באַרופֿן, און עס איז צו איר געזאָגט געוואָרן: 12
דער עלטערער וועט דינען דאָס ייִנגערן. אַזוי ווי סע שטייט 13
געשריבן: יַעקבֿן האָב איך ליב געהאַט, און עֵשָׂון האָב איך
פֿיינט געהאַט. וואָס זשע זאָלן מיר זאָגן? איז פֿאַראַן אומרעכט 14
ביי גאָט? חָלִילה! וואָרים ער זאָגט צו משהן: איך וועל מיך 15
דערבאַרעמען אויף וועמען איך דערבאַרעם מיך, און איך וועל
רַחמָנות האָבן אויף וועמען איך האָב רַחמָנות. דעריבער איז 16
עס ניט געווענדט אין דעם, וואָס וויל, אויך ניט אין דעם, וואָס
לויפֿט

17 לויפּט, נייערט אין גאָט, וואָס האָט רַחמָנות. וואָרים דער פּסוק
זאָגט צו פַּרעה: פונוועגן אָט דער דאָזיקער סיבּה האָב איך דיך
אויפשטעלט, כּדי איך זאָל אין דיר באַווייזן מיין כּח, און כּדי מיין
18 נאָמען זאָל באַקאַנט ווערן אויף דער גאַנצער ערד. דעריבּער
האָט ער רַחמָנות אויף וועמען ער וויל, און וועמען ער וויל –
19 פאַרהאַרטעוועט ער. דו וועסט דעריבּער זאָגן צו מיר: פאַרוואָס
טוט ער נאָך געפינען פעלער? וואָרים ווער קאָן אנטקעגנשטעלן
20 קעגן זיין רָצון? דערפאַר, ווער ביסטו, אָ מענטש, וואָס רעדסט
גאָר קעגן גאָט? זאָל די געשאַפענע זאַך זאָגן צו דעם, וואָס
21 האָט זי געשאַפן: פאַרוואָס האָסטו מיך אַזוי געמאַכט? אָדער,
צי האָט ניט דער טעפּער קיין רעכט איבּער דעם ליים, צו מאַכן
פון דעם זעלבּן שטיק איין כּלי צו כָּבוד, און אַן אנדערע צו
22 אומכָּבוד? און וואָס, אויב גאָט, בּעת ער האָט געוואָלט ווייזן
זיין גרימצאָרן, און באַקאַנט מאַכן זיין מאַכט, האָט מיט אַ סך
געדולדיקייט פאַרטראָגן כֵּלים פון גרימצאָרן, וואָס זענען געווען
23 אָנגעבּרייט אויף פאַרדאַרבּונג; און כּדי ער זאָל באַקאַנט מאַכן
די עַשירות פון זיין כָּבוד איבּער כֵּלים פון רַחמָנות, וואָס ער
24 האָט פון פריער אָנגעבּרייט צו כָּבוד, טאַקע אונדז, וועמען ער
האָט באַרופן, ניט נאָר פון די ייִדן אַליין, נייערט אויך פון די
25 גויים? ווי ער טוט אויך זאָגן אין הושע: איך וועל רופן דאָס מיין
פאָלק, וואָס איז ניט געווען מיין פאָלק, און געליבּטע, וואָס איז
26 ניט געווען געליבּט. און סע וועט זיין, אַז אין דעם אָרט, וואו
עס איז צו זיי געזאָגט געוואָרן: איר זענט ניט מיין פאָלק, וועלן
27 זיי גערופן ווערן קינדער פון דעם לעבּעדיקן גאָט. און ישַעיָה
רופט פונוועגן ישׂרָאל: אויב די צאָל פון די בּני־ישׂרָאל זאָל זיין
ווי דאָס זאַמד פון יַם, וועט נאָר אַן איבּערבּלייַבּונג ניצול ווערן.
28 וואָרים אַ פאַרלענדעניש און אַ גזֵר וועט גאָט מאַכן איבּער דער
29 ערד. און ווי ישַעיָה האָט פריער געזאָגט: וואָלט יְהוָה צבָאות
אונדז ניט איבּערגעלאָזט קיין זאָמען, וואָלטן מיר געוואָרן ווי
30 סדום, און צו עַמורָה וואָלטן מיר געווען געגליכן. וואָס זשע זאָלן
מיר

מיר זאָגן? אַז די אומות־הָעוֹלָם, וואָס זענען ניט נאָכגעגאַנגען
נאָך קיין גערעכטיקייט, האָבן דערגרייכט גערעכטיקייט, דאָס
31 הייסט, די גערעכטיקייט, וואָס קומט פֿון אֱמונה; און יִשׂרָאֵל,
וואָס איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער גערעכטיקייט פֿון דער תּוֹרה,
32 האָט ניט דערגרייכט יענע תּוֹרה. פֿאַרוואָס? מַחמת זיי האָבן
זי ניט געפֿאָרשט דורך אֱמונה, נייערט דורך מַעשׂים טובים. זיי
33 האָבן זיך געשטרויכלט אין דעם אֶבֶן־נֶגֶף, אַזוי ווי סע שטייט
געשריבן: זע, איך לייג אין צִיוֹן אַ שטיין פֿון שטרויכל, און אַ
פֿעלז פֿון ערגערונג; און דער, וואָס גלייבט אין אים, וועט ניט
פֿאַרשעמט ווערן.
י ברידער, דער באַגער פֿון מיין האַרצן, און מיין תּפֿילה צו
2 גאָט פֿאַר יִשׂרָאֵל איז, אַז זיי זאָלן געראַטעוועט ווערן. וואָרים
איך זאָג זיי עֵדוּת, אַז זיי זענען קַנָאים פֿאַר גאָט, אָבער
3 אָן פֿאַרשטענדעניש. וואָרים ווייל זיי קענען ניט גאָטס
גערעכטיקייט, און זוכן אויפֿצוריכטן זייער אייגענע, האָבן זיי זיך
4 ניט אונטערטעניק געמאַכט דער גערעכטיקייט פֿון גאָט. וואָרים
מָשִׁיחַ איז דער תַּכלית פֿון דער תּוֹרה צו רעכטפֿאַרטיקייט
5 פֿאַר יעדן איינעם, וואָס גלייבט. וואָרים מֹשה שרייבט, אַז
דער מענטש, וואָס טוט די רעכטפֿאַרטיקייט פֿון דער תּוֹרה,
6 וועט לעבן דורך איר. אָבער די רעכטפֿאַרטיקייט פֿון אֱמונה,
זאָגט אַזוי: זאָג ניט אין דיין האַצן: ווער וועט אַרויף אין הימל
7 אַריין? דאָס הייסט, אַראָפּצוברענגען מָשִׁיחַן, אָדער: ווער וועט
אַראָפּנידערן אין תּהוֹם אַריין? דאָס הייסט, אַרויפֿצוברענגען
8 מָשִׁיחַן פֿון די טויטע. נייערט וואָס זאָגט זי? דאָס וואָרט איז
דיר נאָענט, אין דיין מויל, און אין דיין האַרצן; דאָס הייסט,
9 דאָס וואָרט פֿון אֱמונה, וואָס מיר זענען מבַשׂר; וואָרים אויב
דו וועסט מודה זיין מיט דיין מויל, אַז יֵשוּעַ איז דער האַר, און
גלייבן אין דיין האַרצן, אַז גאָט האָט אים מחַיֵה־מֵתים געווען,
10 וועסטו נִיצול ווערן. וואָרים מיט דעם האַרצן גלייבט מען,
כּדי גערעכטפֿאַרטיקט צו ווערן, און מיט דעם מויל איז מען
מודה

11 מוֹדה, כּדי נִיצול צו ווערן. וואָרים דער פָּסוק זאָגט: ווער סע
12 גלויבּט אין אים, וועט ניט פאַרשעמט ווערן. וואָרים סאיז
ניטאָ קיין חִילוק צווישן ייִד און גוי; וואָרים דער זעלבּער האַר
איז האַר פון אַלע, און איז רייך פאַר אַלע, וואָס רופן צו אים;
13 וואָרים איטלעכער, וואָס וועט רופן דעם נאָמען פון גאָט, וועט
14 נִיצול ווערן. אָבּער וויאַזוי זאָלן זיי רופן צו אים, אין וועמען
זיי האָבּן ניט געגלויבּט? און וויאַזוי זאָלן זיי גלויבּן אין אים,
פון וועמען זיי האָבּן ניט געהערט? און וויאַזוי זאָלן זיי הערן
15 אָן אַ מבַשׂר? און וויאַזוי זאָלן זיי מבַשׂר זיין, סיידן זיי ווערן
געשיקט? אַזוי ווי סע שטייט געשריבּן: ווי שיין זענען די פיס
16 פון די, וואָס זענען מבַשׂר שָלום, וואָס זאָגן אָן גוטס. אָבּער
ניט אַלע האָבּן זיך צוגעהערט צו דער בּשׂורה; וואָרים ישַעיָה
17 זאָגט: האַר, ווער האָט געגלויבּט אונדזער ידיעה? בּכֵן, אֶמונה
טוט קומען פון הערן, און הערן דורך דעם וואָרט פון מָשיחַן.
18 אָבּער איך זאָג: האָבּן זיי דען ניט געהערט? יאָ, אַוַדאי: זייער
קלאַנג איז אַרויסגעגאַנגען איבּער דער גאַנצער ערד, און בּיז עק
19 וועלט זייערע רייד. און ווידער פרעג איך: האָט יִשׂרָאל ניט
פאַרשטאַנען? שוין מֹשה זאָגט: איך וועל אייך דערצערענען מיט
קִנאה אויף אַן אומפאָלק, און מיט אַן אומה אָן פאַרשטענדעניש
20 וועל איך אייך דערבייזערן. און ישַעיָה שטאַרקט זיך, און זאָגט:
איך בּין געפונען געוואָרן פון די, וואָס האָבּן מיך ניט געזוכט;
און איך האָבּ מיך אַנטפּלעקט צו די, וואָס האָבּן ניט געפרעגט
21 אויף מיר. אָבּער אויף יִשׂרָאל זאָגט ער: דעם גאַנצן טאָג
האָבּ איך אויסגעשפרייט מיינע הענט צו אַן אומגעהאָרכזאַם און
ווידערשפעניק פאָלק.

יא איך זאָג דעריבּער: האָט גאָט פאַרוואָרפן זיין פאָלק? חָלִילה!
וואָרים איך בּין אויך אַ יִשׂרְאֵלי, פון אַבּראָהמס זאָמען, פון
2 דעם שֵבֶט בּנְיָמין. גאָט האָט ניט פאַרוואָרפן זיין פאָלק, וואָס
ער האָט געקענט פון פריער. צי ווייסט איר ניט, וואָס דער
פָּסוק זאָגט וועגן אֵלִיָהוּן? וויאַזוי ער טַענֶהט מיט גאָט קעגן
ישׂראלן

3 יִשׂרָאֵל: גאָט, זיי האָבן געהַרגעט דײַנע נבֿיאים, זיי האָבן
צעשטערט דײַנע מִזבּחות, און איך בין געבליבן אַלײן, און זיי
4 באַגערן מײַן לעבן. אָבער וואָס זאָגט צו אים דער ענטפֿער
פֿון גאָט: איך האָב מיר איבערגעלאָזט זיבן טויזנט מענטשן,
5 וואָס האָבן ניט געקניט צו בַּעלן. פּונקט אַזוי איז אויך אַצינד
6 פֿאַראַן אַן איבערבלײַבונג לויט דער בּחירה פֿון חֶסד. און
אויב עס איז דורך חֶסד, איז עס ניט מער דורך מַעשׂים טובֿים;
7 אַנדערש איז חֶסד ניט מער קיין חֶסד. וואָס זשע דען? דאָס,
וואָס יִשׂרָאֵל זוכט, דאָס האָט ער ניט דערגרייכט; נייערט די
אויסדערווײלטע האָבן עס יאָ דערגרייכט, און די איבעריקע
8 זענען פֿאַרהאַרטעוועט געוואָרן, ווי סע שטייט געשריבן: גאָט
האָט זיי געגעבן אַ גייסט פֿון באַטויבונג, אויגן, וואָס זאָלן ניט
זען, און אויערן, וואָס זאָלן ניט הערן, ביז אויף דעם הײַנטיקן
9 טאָג. און דָוִד זאָגט: זאָל זייער טיש ווערן פֿאַר זיי אַ פֿאַסטקע
און אַ נעץ, און אַ שטרויכלשטיין, און אַ פֿאַרגעלטונג פֿאַר זיי;
10 זאָלן זייערע אויגן זײַן פֿינצטער, אַז זיי זאָלן ניט זען, און בייג
11 שטענדיק אַראָפּ זייער רוקן. איך פֿרעג דעריבער: האָבן זיי
געטאָן שטרויכלען, כּדי זיי זאָלן פֿאַלן? חָלִילה! נייערט דורך
זייער פֿאַלן איז די ישועה געקומען פֿאַר די אומות־הָעולם, כּדי
12 זיי אייפֿעריק צו מאַכן. און אויב זייער פֿאַלן איז די עֲשִׁירות
פֿון דער וועלט, און זייער הֶיזק די עֲשִׁירות פֿון די אומות־הָעולם,
13 אַ פּשיטא שוין זייער פֿולקייט! איך רעד טאַקע צו אײַך, וואָס
זענט פֿון די אומות־הָעולם. בּכֵן, אויף אַזוי ווײַט ווי איך בין אַ
14 שָׁלִיח פֿון די אומות־הָעולם, פֿאַרהערלעך איך מײַן עובֿדא, כּדי
איך זאָל בכל־אופֿן אויפֿוועקן צו אייפֿעריקייט די, וואָס זענען מײַן
15 פֿלייש, און מַציל זײַן טייל פֿון זיי. וואָרים אויב דאָס פֿאַרוואַרפֿן
פֿון זיי האָט געפֿירט צו דער איבערבעטונג פֿון דער וועלט, וואָס
וועט שוין זייער ווידער־אויפֿנעמונג זײַן, אויב ניט לעבן פֿון די
16 טויטע? און אויב די תּרומה איז הייליק, אַזוי איז אויך דאָס טייג;
און אויב דער וואָרצל איז הייליק, אַזוי זענען אויך די צווײַגן.

און

17 און אויב טייל פון די צווייגן זענען אָפּגעבראָכן געוואָרן, און
דו, וואָס ביסט אַ ווילדער אײַלבערטבוים, ביסט אַרײַנגעזעצט
געוואָרן צווישן זיי, און ביסט געוואָרן אַ טיילנעמער מיט זיי פון
18 דעם וואָרצל און פון דער פעטקייט פון דעם אײַלבערטבוים, טאָ
רים דיך ניט קעגן די צווייגן; אויב אָבער דו רימסט דיך, זיי
ווייסן, אַז ניט דו טראָגסט דעם וואָרצל, נייערט דער וואָרצל
19 טראָגט דיך. דו וועסט דעריבער זאָגן: צווייגן זענען אָפּגעבראָכן
20 געוואָרן, כּדי איך זאָל אַרײַנגעזעצט ווערן. גוט; דורך זייער
אומגלויבן זענען זיי אָפּגעבראָכן געוואָרן, און דו שטייסט דורך
21 דער אֶמונה. זיי ניט אַ גַדלן, נייערט האָב מורא. וואָרים אויב
גאָט האָט ניט געשוינט די נאַטירלעכע צווייגן, וועט ער אויך
22 דיך ניט שוינען. זע דעריבער די גוטסקייט און שטרענגקייט פון
גאָט: קעגן די, וואָס זענען געפאַלן, שטרענגקייט, אָבער קעגן
דיר, גאָטס גוטסקייט, אויב דו וועסט בלייבן אין זײַן גוטסקייט;
23 אויב ניט, וועסטו אויך אָפּגעשניטן ווערן. און אויך זיי, אויב זיי
וועלן ניט בלייבן אין זייער אומגלויבן, וועלן אַרײַנגעזעצט ווערן;
24 וואָרים גאָט איז בִיכולת זיי ווידער אַמאָל אַרײַנצוזעצן. וואָרים
אויב דו ביסט אָפּגעשניטן געוואָרן פון אַן אײַלבערטבוים, וואָס
איז בטֶבע ווילד, און ביסט אַרײַנגעזעצט געוואָרן קעגן דער
נאַטור אין אַ גוטן אײַלבערטבוים, אַ פּשיטא שוין ווי וועלן די
דאָזיקע, וואָס זענען די נאַטירלעכע צווייגן, אַרײַנגעזעצט ווערן
25 אין זייער אייגענעם אײַלבערטבוים? וואָרים איך וויל ניט,
ברידער, פאַרהוילן פון אייך דעם דאָזיקן סוד, כּדי איר זאָלט
זיך ניט האַלטן פאַר קיין חֲכָמים אין אייערע אייגענע אויגן,
אַז אַ פאַרהאַרטונג איז געקומען אויף אַ טייל פון יִשׂרָאֵל, ביז
26 די פולקייט פון די גוים וועט זײַן אײַנגעזאַמלט; און אַזוי וועט
גאַנץ יִשׂרָאֵל ניצול ווערן, ווי סע שטייט געשריבן: סע וועט
אַרויסקומען פון צִיון דער גואֵל, וואָס וועט אָפּטאָן די פּשָעים
27 פון יַעקֹבן; און דאָס וועט זײַן מײַן בונד מיט זיי, ווען איך וועל
28 אַוועקנעמען זייערע זינד. וואָס שײַך דער בשׂורה, זענען זיי
שונאים

שׂוֹנאים פֿון אײַערטוועגן, אָבער וואָס שײַך דער בּחירה, זענען
זיי באַליבּט פֿונוועגן די אָבֿות. וואָרים אויף די מַתָּנות און דער 29
באַרוּפֿונג פֿון גאָט איז ניטאָ קיין חַרָטה. וואָרים אַזוי ווי איר זענט 30
אַמאָל געווען אומגעהאָרכזאַם צו גאָט, אָבער איצט האָט איר
באַקומען דערבאַרעמדיקייט דורך זייער אומגעהאָרכזאַמקייט,
פּונקט אַזוי זענען אויך די דאָזיקע אַצינד אומגעהאָרכזאַם, כּדי 31
דורך דער דערבאַרעמדיקייט, וואָס איז אייך געוויזן געוואָרן, זאָלן
זיי אַצינד אויך באַקומען דערבאַרעמונג. וואָרים גאָט האָט 32
אַלעמען אײַנגעשלאָסן אין אומגעהאָרכזאַמקייט, כּדי ער זאָל זיך
דערבאַרעמען איבער אַלע. אָ, די טיפֿקייט פֿון דער עֲשירות, 33
און חָכמה, און וויסן פֿון גאָט! ווי אומדערפֿאָרשטבאַר זענען
זיינע מִשפָּטים, און זיינע וועגן, ניט אויסצוגעפֿינען! וואָרים ווער 34
האָט פֿאַרשטאַנען דעם רוח־יְהוָה? אָדער ווער איז געווען זיין
בַּעל־יוֹעץ? אָדער ווער האָט אים עפּעס פֿריער געגעבן, און עס 35
זאָל אים צוריק פֿאַרגאָלטן ווערן? וואָרים פֿון אים, און דורך אים, 36
און פֿאַר אים איז אַלצדינג. פֿאַר אים איז דער כָּבוד אויף אייביק.
אָמֵן.
יב איך בעט אייך דעריבער, ברידער, דורך דעם רַחמנות פֿון
גאָט, צו אָנבאָטן אייערע לײַבער אַ לעבעדיקן קָרבּן, הייליק,
באַוויליקט צו גאָט, וואָס איז אייער גייסטיקע עֲבודה. און 2
זייט ניט געגליכן צו דער דאָזיקער וועלט, נייערט ווערט
איבערגעאַנדערשט דורך דער באַנײַאונג פֿון אייער געמיט, כּדי
איר זאָלט פּרוּוון וואָס עס איז דער גוטער, און באַוויליקטער,
און שלֵימותדיקער רָצון פֿון גאָט. וואָרים דורך דעם חֶסֶד, וואָס 3
איז מיר געגעבן געוואָרן, זאָג איך צו יעדן איינעם צווישן אייך,
ניט צו טראַכטן פֿון זיך אַ סַך מער, ווי ער באַדאַרף צו טראַכטן,
נייערט צו טראַכטן אײַנגעהאַלטן, לויט ווי גאָט האָט צוגעטיילט
יעדן איינעם אַ מאָס פֿון אֱמונה. וואָרים פּונקט ווי מיר האָבן אַ 4
סַך אֵברים אין איין גוף, און אַלע אֵברים האָבן ניט די זעלבע
עוֹבדא, אַזוי זענען מיר, וואָס זענען אַ סַך, איין גוף אין מָשיחַן, 5
און

6 און באַזונדערע אֵברים איינער פֿון דעם אַנדערן. און ווייל מיר
האָבן מַתָּנות, פֿאַרשידן לויט דעם חֶסֶד, וואָס איז אונדז געגעבן
געוואָרן: אויב נבואה, לאָמיר נביאות זאָגן לויט דעם חֵלֶק
7 פֿון אונדזער אֱמונה; אויב עֲבודה, לאָמיר זיך איבערגעבן צו
8 אונדזער עֲבודה; דער, וואָס טוט לערנען, צו זיין לערנונג; דער,
וואָס טוט מוסרן, צו זיין מוסר; דער, וואָס איז מְנַדֵב, לאָז ער עס
טאָן מיט אַ ברייטער האַנט; דער פֿאָרשטייער, מיט פֿלייסיקייט;
דער, וואָס ווייזט אַרויס דערבאַרעמדיקייט, מיט פֿריילעכקייט.
9 לאָז זיין ליבשאַפֿט אָן חֲניפֿה, האָט פֿיינט דאָס, וואָס איז שלעכט,
10 און באַהעפֿט זיך אָן דעם, וואָס איז גוט. האָט ליב איינער
דעם אַנדערן מיט ברידערלעכער ליבשאַפֿט, אין כָּבוד האַלט
11 פֿאַר בילכער איינער דעם אַנדערן; אין פֿלייסיקייט, ניט פֿויל,
12 גליִאיק אין גייסט, דינענדיק גאָט; זייט פֿריילעך אין האָפֿענונג;
13 געדולדיק אין אַ צָרה; האַלט כּסדר אין מִתפַּלֵל זיין. זייט מְנַדב
פֿאַר די באַדערפֿענישן פֿון די הייליקע, און איבערגעגעבן צו
14 הַכנָסת־אורחים. בענטשט די, וואָס רודֵפֿן אייך; בענטשט, און
15 שעלט ניט. פֿרייט אייך מיט די, וואָס פֿרייען זיך, וויינט מיט
16 די, וואָס וויינען. לעבט אין אַחדות איינער מיט דעם אַנדערן;
טראַכט ניט פֿון הויכע זאַכן, נייערט לאָזט אייך אַראָפּ צו דעם,
וואָס איז שָפֿל. האַלט אייך ניט פֿאַר חֲכָמים אין אייערע אייגענע
17 אויגן. פֿאַרגעלט קיינעם ניט שלעכטס פֿאַר שלעכטס, נייערט
גיט אַכטונג אויף דעם, וואָס איז בּכָבודיק אין די אויגן פֿון אַלע
18 מענטשן. אויב עס איז מעגלעך, און אויף וויפֿל איר זענט
19 ביכולת, לעבט בשָלום מיט אַלע מענטשן. זייט אייך ניט נוקם,
געליבטע, נייערט מאַכט פּלאַץ פֿאַר דעם גרימצאָרן פֿון גאָט;
וואָרים סע שטייט געשריבן: נקָמה געהערט מיר, איך וועל
20 פֿאַרגעלטן, זאָגט גאָט. אויב אָבער דיין שונא איז הונגעריק,
שפּייז אים; אויב ער איז דאָרשטיק, גיב אים צו טרינקען; וואָרים
מיט דעם טאָן אַזוי, וועסטו אָנהויפֿן פֿייעריקע קוילן אויף זיין
21 קאָפּ. לאָז דיך ניט גובר זיין פֿון דעם שלעכטן, נייערט זיי גובר
דאָס

דאָס שלעכטע מיט גוטן.
יג זאָל יעדע נשָמה זיין אונטערטעניק צו דער העכער
אויטאָריטעט. וואָרים עס איז ניטאָ קיין אויטאָריטעט, אַחוץ פון
2 גאָט; און וואו זי איז פאַראַן, איז זי באַשטימט פון גאָט. בכֵן, דער,
וואָס שטעלט זיך קעגן דער אויטאָריטעט, ווידערשפעניקט דעם
באַפעל פון גאָט; און די, וואָס ווידערשפעניקן, וועלן ברענגען
3 אויף זיך שטראָף. וואָרים הערשערס זענען ניט קיין פּחד פאַר די
גוטע מַעשׂים, נייערט פאַר די שלעכטע. און ווילסטו ניט מורא
האָבן פאַר דער אויטאָריטעט? טו דאָס, וואָס איז גוט, און דו
4 וועסט קריגן אַ שבַח פון איר; וואָרים זי איז דיר אַ באַדינערין
פון גאָט צום גוטן. נאָר אויב דו טוסט דאָס, וואָס איז שלעכט,
זאָלסטו מורא האָבן, וואָרים זי טראָגט ניט אומזיסט די שווערד.
וואָרים זי איז אַ באַדינערין פון גאָט, וואָס טוט זיך נוקם זיין
5 מיט צאָרן אָן דעם, וואָס טוט שלעכטס. איבערדעם מוז מען
אונטערטעניק זיין, ניט נאָר פונוועגן דעם צאָרן אַליין, נייערט
6 אויך פונוועגן דעם געוויסן. וואָרים צוליב דעם צאָלט איר אויך
מַס; וואָרים זיי זענען באַדינערס פון גאָט, און גיבן זיך כּסדר
7 אָפּ מיט דעם דאָזיקן ענין. דעריבער גיט יעדעמען, וואָס איר
זענט שולדיק: מַס, צו וועמען מַס; צאָל, צו וועמען צאָל; מורא,
8 צו וועמען מורא; כָּבוד, צו וועמען כָּבוד. זייט קיינעם גאָרניט
שולדיק, אַחוץ ליב צו האָבן איינער דעם אַנדערן; וואָרים דער,
9 וואָס האָט ליב זיין חַבר, האָט מקַיים געווען די תּורה. וואָרים
דו זאָלסט ניט מזַנה זיין, דו זאָלסט ניט טייטן, דו זאָלסט ניט
גַנבענען, דו זאָלסט ניט גלוסטן, און אַלע אַנדערער מִצוות, זענען
צוזאַמענגענומען אין דעם דאָזיקן וואָרט, דהיינו: דו זאָלסט ליב
10 האָבן דיין חַבר ווי דיך אַליין. ליבשאַפט טוט ניט קיין שום
שלעכטס דעם חַבר; ליבשאַפט איז דעריבער דער קִיום פון
11 דער תּורה. און דאָס טוט, ווייל איר ווייסט די שָעה, אַז עס איז
שוין צייט אויפצוּוואַכן פון שלאָף; וואָרים אַצינד איז די ישועה
12 נעענטער צו אונדז, ווי ווען מיר האָבן לכַתחילה געגלויבט. די
נאַכט

נאַכט איז ווייט פֿאַרגאַנגען, און דער טאָג האָט גענענט. לאָמיר
דעריבער אָפּטאָן די מַעשׂים פֿון פֿינצטערניש, און לאָמיר אָנטאָן
13 די כּלֵי־זַיִן פֿון ליכט. לאָמיר גיין אָנשטענדיק ווי בייטאָג, ניט
אין פֿרעסן און שִׁיכּרות, ניט אין צעלאָזנקייט און זנות, ניט אין
14 מַחלוֹקת און קִנאה. נייערט טוט אייך אָן דעם האַר יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ,
און דַאגֶהט ניט פֿאַר דעם פֿלייש, ממַלא צו זיין זיינע תאַוות.
יד נעמט אויף דעם, וואָס איז שוואַך אין דער אֱמונה, אָבער ניט כּדי
2 צו פֿירן וויכּוחים איבער חִילוּקי־דֵעות. איינער גלייבט, אַז ער
מעג עסן אַלצדינג; אָבער דער, וואָס איז שוואַך, טוט בלויז עסן
3 גרינוואַרג. זאָל דער, וואָס עסט, ניט מבַטל זיין דעם, וואָס עסט
ניט; און זאָל דער, וואָס עסט ניט, ניט מִשפּטן דעם, וואָס עסט;
4 וואָרים גאָט האָט אים אויפֿגענומען. ווער ביסטו, וואָס מִשפּטסט
דעם קנעכט פֿון אַן אַנדערן? פֿאַר זיין אייגענעם האַר שטייט
ער, אָדער פֿאַלט ער. און ער וועט בלייבן שטיין; וואָרים גאָט
5 איז בִּיכולת אים אויפֿצושטעלן. איינער שאַצט איין טאָג העכער
פֿון דעם אַנדערן; אַן אַנדערער שאַצט יעדן טאָג גלייך. זאָל
6 יעדער איינער זיין זיכער אין זיין אייגענער דֵעה. דער, וואָס היט
דעם טאָג, היט אים פֿון גאָטס־וועגן; און דער, וואָס עסט, עסט
פֿון גאָטס־וועגן, און גיט גאָט אַ לויב; און דער, וואָס עסט ניט,
7 פֿונוועגן גאָט עסט ער ניט, און גיט גאָט אַ לויב. וואָרים קיינער
פֿון אונדז לעבט ניט פֿאַר זיך אַליין, און קיינער שטאַרבט ניט
8 פֿאַר זיך אַליין. וואָרים סיי מיר לעבן, לעבן מיר פֿון גאָטס־וועגן;
און סיי מיר שטאַרבן, שטאַרבן מיר פֿון גאָטס־וועגן; בכֵן, צי
9 מיר לעבן אָדער שטאַרבן, געהערן מיר צו גאָט. וואָרים צוליב
דעם איז מָשִׁיחַ געשטאָרבן און ווידער לעבעדיק געוואָרן, כּדי
ער זאָל זיין האַר, סיי איבער טויטע און סיי איבער לעבעדיקע.
10 אָבער דו, פֿאַרוואָס משפּטסטו דיין ברודער? אָדער פֿאַרוואָס
ביסטו מבַטל דיין ברודער? וואָרים מיר וועלן אַלע שטיין פֿאַר
11 דעם כִּסֵא־הַמִשפּט פֿון גאָט; וואָרים סע שטייט געשריבן: אַזוי
וואָר ווי איך לעב, זאָגט גאָט, צו מיר וועט זיך בייגן אַלע קני,
און

12 אוּן אַלע צינגער װעלן לױבּן גאָט. אָט אַזױ װעט יעדער אײנער
13 פֿון אונדז אָפּגעבּן פֿון זיך חֶשבּון פֿאַר גאָט. לאָמיר דעריבּער
מער ניט מִשפּטן אײנער דעם אַנדערן, נײערט מִשפּט ליבּערשט
דאָס, אַז קײנער זאָל ניט לײגן קײן מִכשול אין זײן בּרודערס
14 װעג, אָדער אים מאַכן פֿאַלן. איך װײס, און בּין זיכער אין דעם
האַר יֵשוּעַ, אַז קײן זאַך איז ניט טָמא פֿון זיך אַלײן; אַחוץ פֿאַר
15 דעם, װאָס האַלט עס פֿאַר טָמא, פֿאַר דעם איז עס טָמא. װאָרים
אױבּ פֿונװעגן שפּײז איז זיך דײן בּרודער מצַער, גײסטו ניט מער
אין ליבּשאַפֿט. בּרענג ניט אום מיט דײן שפּײז דעם, פֿאַר
16 װעמען מָשיחַ איז געשטאָרבּן. זאָל ניט דעריבּער פֿונװעגן אײער
17 גוטס שלעכטס גערעדט װערן; װאָרים דאָס מַלכות פֿון גאָט
מײנט ניט עסן און טרינקען, נײערט גערעכטיקײט, און שָלום,
18 און פֿרײד אין דעם רוח־הַקודֶש. װאָרים דער, װאָס דינט מיט
דעם מָשיחַן, װערט װאױלגעפֿעלן פֿאַר גאָט, און בּאַװיליקט בּײ
19 מענטשן. איבּערדעם לאָמיר נאָכגײן נאָך זאַכן, װאָס דינען פֿאַר
שָלום, און זאַכן מיט װעלכע מיר קענען אױפֿבּױען אײנער דעם
20 אַנדערן. מאַך ניט חָרוב דאָס װערק פֿון גאָט פֿונװעגן שפּײז.
אַלצדינג איז רײן, דאָך איז עס שלעכט פֿאַר יענעם מענטשן,
21 װאָס עסט מיט ערגערניש. עס איז גוט, ניט צו עסן קײן פֿלײש,
ניט צו טרינקען קײן װײן, אױך ניט צו טאָן עפּעס, דורך װאָס
22 דײן בּרודער שטרױכלט. די אֶמונה, װאָס דו האָסט, זאָלסטו
האָבּן צװישן דיר און גאָט. װאױל איז דעם, װאָס מִשפּט זיך ניט
23 אַלײן אין דעם, װאָס ער טוט בּאַװיליקן. אָבער דער, װאָס איז
מסופּק, איז פֿאַרמִשפּט, אױבּ ער עסט, מַחמת ער טוט עס ניט
פֿון אֶמונה; און װאָס עס איז ניט פֿון אֶמונה, איז אַ זינד.
טו מיר, װאָס זענען שטאַרק, דאַרפֿן טראָגן די שלאַפֿקײטן פֿון די
2 שװאַכע, און ניט צו װאױלגעפֿעלן װערן זיך אַלײן. זאָל יעדער
אײנער פֿון אונדז פֿאַרשאַפֿן הַנָאה זײן חבֿר פֿאַר זײן װאױל,
3 און פֿאַר זײן פֿאַרבּעסערונג. װאָרים מָשיחַ איז זיך אַלײן אױך
ניט װאױלגעפֿעלן געװען, נײערט, װי סע שטײט געשריבּן: די

חרפּות

חַרפּות פֿון די, וואָס האָבן דיך געלעסטערט, זענען געפֿאַלן אויף
4 מיר. וואָרים אַלצדינג, וואָס איז פֿריער געשריבן געוואָרן, איז
געשריבן געוואָרן פֿאַר אונדזער באַלערנונג, כּדי דורך געדולד,
5 און נֶחָמָה פֿון די כּתבֿי־הַקודֶש זאָלן מיר האָבן האָפֿנונג. און
דער גאָט פֿון געדולד און פֿון נֶחָמָה זאָל אײַך באַוויליקן צו זיין
פֿון דער זעלבער דֵעה איינער צום אַנדערן, לויט יֵשוּעַ הַמָשִיחַ;
6 כּדי איר זאָלט מיט איין האַרץ און מיט איין מויל אָפּגעבן
כָּבוד דעם גאָט און פֿאָטער פֿון אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ.
7 איבערדעם, זייט מקַבל איינער דעם אַנדערן, אַזוי ווי מָשִיחַ האָט
8 אײַך מקַבל געווען, פֿאַר דעם כָּבוד פֿון גאָט. וואָרים איך זאָג, אַז
מָשִיחַ איז געמאַכט געוואָרן אַ באַדינער פֿון די געמַלטע פֿונוועגן
דעם אֶמת פֿון גאָט, כּדי ער זאָל מקַיים זיין די הַבטָחות צו די
9 אָבות, און כּדי די גויים זאָלן אויך אָפּגעבן כָּבוד צו גאָט פֿאַר
זיין דערבאַרעמדיקייט, ווי סע שטייט געשריבן: דעריבער וועל
10 איך דיך לויבן צווישן די גויים, און זינגען צו דיין נאָמען. און
ווידער ווערט געזאָגט: פֿרייט אײַך, איר גויים, מיט זיין פֿאָלק.
11 און ווידער: לויבט גאָט, אַלע גויים, גיט אַ שבַח צו אים, אַלע
12 אומות. און ווידער זאָגט ישַעיָה: און עס וועט זיין דער שורֶש פֿון
יִשַי, און דער, וואָס שטייט אויף צו הערשן איבער די פֿעלקער;
13 צו אים וועלן די גויים האָפֿן. און דער גאָט פֿון האָפֿענונג זאָל
אײַך אָנפֿילן מיט יעדער שׂמחה און שָלום דורך אייער אֱמונה,
כּדי איר זאָלט געדײַען אין האָפֿענונג, דורך דער גבורה פֿון דעם
14 רוּחַ־הַקודֶש. איך אַליין בין זיכער אין אײַך, מיינע ברידער, אַז
איר זענט פֿול מיט גוטסקייט, אָנגעפֿילט מיט יעדן וויסן, און
15 פֿעאיִק איינער דעם אַנדערן מַזהיר צו זיין. איך האָב אײַך אָבער
טיילווייז געשריבן אַ סַך פֿרייער, כּדי אײַך ווידער צו דערמאָנען,
16 דורך דעם חֶסֶד, וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן פֿון גאָט, אַז איך
זאָל זיין אַ באַדינער פֿון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ פֿאַר די אומות־הָעולָם, און
צו דינען אין דער הייליקער עֲבודה פֿון דער בשׂורה פֿון גאָט,
כּדי דער קָרבן פֿון די אומות־הָעולָם זאָל ווערן באַוויליקט און
געהייליקט

17 געהייליקט דורך דעם רוח־הַקודֶש. איך האָב דעריבער מיין
18 רום אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ אין זאַכן וואָס זענען שַייך גאָט. וואָרים
איך וועל מיך ניט דערוועגן צו רעדן פון עפּעס, סיידן פון דעם,
וואָס מָשִיחַ האָט געטאָן דורך מיר, דורך וואָרט און טואונג,
19 פונוועגן דער געהאָרכזאַמקייט פון די אומות־הָעולָם, אין דער
גבורה פון נִסים וְנִפלאות, אין דער גבורה פון דעם רוחַ־הַקודֶש,
אַזוי, אַז פון ירושָלַיִם, און רונד אַרום ביז צו אילירִיע, האָב
20 איך אינגאַנצן אָנגעזאָגט די בשׂורה פון מָשִיחַן; יאָ, איך האָב
מיר געמאַכט פאַר מיין ציל אָנצוזאָגן די בשׂורה טובה ניט
דאָרטן, וואו מָשִיחַ איז שוין אָנגערופן געוואָרן, כדי איך זאָל ניט
21 בויען אויף אַן אַנדערן מענטשנס יסוד, נייערט, ווי סע שטייט
געשריבן: וואָס זיי איז ניט דערציילט געוואָרן, וועלן זיי זען, און
22 וואָס זיי האָבן ניט געהערט, וועלן זיי פאַרשטיין. איבערדעם בין
איך אויך געהינדערט געוואָרן אַזויפיל מאָל פון קומען צו אייך.
23 אָבער אַצינד, ווייל איך האָב ניט מער קיין אָרט אין די דאָזיקע
מקומות, און ווייל איך האָב שוין כַּמה יאָרן געבענקט צו קומען
24 צו אייך, האָף איך אייך צו זען בעת מיין נסִיעה קיין שפּאַניע, און
געבראַכט צו ווערן דורך אייך אויף מיין וועג אַהינצו, נאָכדעם
ווי איך וועל מיך קודם האָבן אַביסל געזעטיקט מיט אייער
25 חַברותא. אַצינד אָבער גיי איך קיין ירושָלַיִם, צו באַדינער די
26 הייליקע. וואָרים עס איז געוועזן דער גוטער רָצון פון מאַקעדאָניע
און אַכאַיאַ צו מאַכן אַ נדָבה פאַר די אָרעמע צווישן די הייליקע
27 אין ירושָלַיִם. יאָ, דאָס איז געוועזן זייער גוטער רָצון, און זייערע
בַּעלי־חובות זענען זיי. וואָרים אויב די אומות־הָעולָם זענען
געוואָרן שותפים פון זייערע גייַסטיקע זאַכן, אַזוי זענען זיי מחויב
28 זיי צו באַדינען אין גַשמִיותדיקע זאַכן. דעריבער, בעת איך וועל
דאָס האָבן פאַרענדיקט, און פאַרחַתמעט פאַר זיי די דאָזיקע
29 פרוכט, אַזוי וועל איך דורך אייך גיין קיין שפּאַניע. און איך ווייס,
אַז ווען איך וועל קומען צו אייך, וועל איך קומען אין דער פולקייט
30 פון דער בְּרָכה פון מָשִיחַן. און איצט בעט איך אייך, ברידער,

דורך

דורך אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, און דורך דער ליבשאַפט פון
דעם רוח־הקודש, אַז איר זאָלט זיך שטאַרקן אינאיינעם מיט מיר
31 אין אייערע תּפילות צו גאָט פאַר מיַינעטוועגן, אַז איך זאָל ניצול
ווערן פון די, וואָס זענען ווידערשפּעניק אין יהודה, און אַז מיין
32 באַדינונג פאַר ירושלַיִם זאָל זיין אָנגענומען ביי די הייליקע, כּדי
איך זאָל קענען קומען צו אייך אין פריידן דורך דעם רָצון פון
33 גאָט, און מיך מיט אייך דערקוויקן. און דער גאָט פון שָלום זאָל
זיין מיט אייך אַלע. אָמֵן.
טז איך שטעל אייך פאָר אונדזער שוועסטער פעבע, וואָס איז אַ
2 באַדינערין פון דער קהִילה אין קענכרייֵע, אַז איר זאָלט זי
מקַבּל זיין אין דעם האַר, ווי סע פּאַסט זיך פאַר הייליקע, און
אַז איר זאָלט איר העלפן אין וואָס נאָר זי וועט זיך באַנייטיקן
אין אייך; וואָרים זי אַליין איז געווען אַ העלפערין פון אַ סך,
3 און אויך פון מיר אַליין. גריסט פּריסקאַן און אַקווילַס, מיינע
4 מיטאַרבעטער אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, זיי, וואָס האָבן פאַר מיין
לעבן אַנידערגעלייגט זייערע אייגענע העלדזער, וועמען ניט נאָר
איך אַליין בין דאַנקבּאַר, נייערט אויך אַלע קהִילות פון די
5 אומות־הָעולָם; און גריסט די קהִילה, וואָס איז אין זייער הויז.
גריסט מיין באַליבטן עפּיֵינעטוסן, וואָס איז די ערשטע פרוכט
6 אין אַזיע פאַר מָשִיחַן. גריסט מִרְיָמען, וואָס האָט געשאָנקען
7 אַ סך מִי אויף אייך. גריסט אַנדראָניקוסן און יוּניִוּסן, מיינע
קרובים, און מיינע מיט־געפאַנגענע, וואָס זענען פון חַשיבות
צווישן די שלִיחים, און וואָס זענען אויך געווען פאַר מיר אין
8 מָשִיחַן. גריסט אַמפּליאַטוסן, מיין באַליבטן אין דעם האַר.
9 גריסט אורבּאַנוסן, אונדזער מיטאַרבעטער אין מָשִיחַן, און
10 סטאַכיסן, מיין באַליבטן. גריסט אַפּעלעסן, דעם באַוויליקטן
אין מָשִיחַן. גריסט די, וואָס זענען פון דעם הויזגעזינד פון
11 אַריסטאָבּולוסן. גריסט העראָדיאָנען, מיין קָרוב. גריסט די, פון
12 דעם הויזגעזינד פון נאַרציסוסן, וואָס זענען אין דעם האַר. גריסט
טריפֵיינען און טריפאָסן, וואָס מִיען זיך אין דעם האַר. גריסט
פערזיס

פֿערזים, די בּאַליבּטע, וואָס האָט זיך אַ סך געמיט אין דעם
13 האַר. גריסט רופֿוסן, דעם אויסדערוויילטן אין דעם האַר, און זײַן
14 מוטער און מײַנע. גריסט אַסינקריטוסן, פֿלעגאָנען, הערמעסן,
פּאַטראָבּאַסן, הערמאַסן, און די בּרידער, וואָס זענען מיט זיי.
15 גריסט פֿילאָלאָגוסן און יוליען, נערעאוסן און זײַן שוועסטער, און
16 אָלימפּאַסן, און אַלע הייליקע, וואָס זענען מיט זיי. גריסט איינער
דעם אַנדערן מיט אַ הייליקן קוש. אַלע קהילות פֿון מָשיחַן
17 גריסן אײַך. און איך בעט אײַך, בּרידער, אַז איר זאָלט אַכטונג
געבּן אויף די, וואָס מאַכן מַחלוקות און סקאַנדאַלן, להיפּוך צו
דער לערנונג, וואָס איר האָט געלערנט, און קערט אײַך אָפּ פֿון
18 זיי. וואָרים אַזעלכע מענטשן דינען ניט מָשיחַן, אונדזער האַר,
נייערט זייער אייגענעם בּויך, און דורך גלאַטע און שיינע רייד,
19 פֿאַרפֿירן זיי דאָס האַרץ פֿון די אומשולדיקע. וואָרים אײַער
געהאָרכזאַמקייט איז בּאַקאַנט צו אַלעמען, און איך פֿריי מיך
דעריבּער איבּער אײַך; איך וואָלט אָבּער וועלן, אַז איר זאָלט
זײַן קלוג וואָס שייך דעם גוטן, און תּמימותדיק וואָס שייך דעם
20 שלעכטן. און דער גאָט פֿון שָלום וועט אין גיכן צעטרעטן דעם
שָׂטן אונטער אײַערע פֿיס. דער חֶסד פֿון אונדזער האַר יֵשוּעַ
21 המָשיחַ זאָל זײַן מיט אײַך. טימאָטעאוס, מײַן מיטאַרבּעטער,
גריסט אײַך, און לוקיוס און יאַזאָן און סאָסיפּאַטער, מײַנע
22 קרובֿים. איך, טערציוס, וואָס שרײַבּ דעם בּריוו, גריס אײַך אין
23 דעם האַר. גאַיוס, וואָס איז מײַן בּעל־אַכסניא, און אויך פֿון דער
גאַנצער קהילה, גריסט אײַך. עראַסטוס, דער שאַצמײַסטער
פֿון דער שטאָט, און אונדזער בּרודער קוואַרטוס, גריסן אײַך.
24 דער חֶסד פֿון אונדזער האַר יֵשוּעַ המָשיח זאָל זײַן מיט אײַך
25 אַלע. אָמֵן. און צו אים, וואָס איז בּיכולת אײַך צו שטאַרקן לויט
מײַן בּשׂורה טובֿה און דאָס דרשענען פֿון יֵשוּעַ המָשיחַ, לויט
דער אַנטפּלעקונג פֿון דעם סוד, וואָס איז געווען פֿאַרבּאָרגן פֿון
26 אייבּיקע צײַטן, נאָר איז איצט אַנטפּלעקט געוואָרן, און דורך די
שריפֿטן פֿון די נבֿיאים איז ער געוואָרן בּאַקאַנט צו אַלע אומות,
לויט

לויט דעם באַפעל פון דעם אייביקן גאָט פאַר געהאָרכזאַמקייט
27 פון אֶמונה, ־ צו דעם איינציקן גאָט פון חכמה זאָל זיין כָּבוד אויף
אייביק, דורך יֵשוּעַ הַמָּשִׁיחַ. אָמֵן.